STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01675

GVURE-TATN FUN TSAHAL-ZELNER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01675-6

9780657016753T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

גבורה=טאַטן
פון
צה״ל=זעלנער

אינהאַלט:

- די כינעזישע גראַנאַטן זענען צוריקגעוואָרפן געוואָרן דעם שונא.
- איינער אַליין קעגן אַ גאַנצער מצרישער אָפּטיילונג.
- דער פאַרוואונדעטער האָט ווייטער געפירט זיין טאַנק.
- מיט ביקסן קעגן טאַנקען.
- דער וועלט־רעקאָרד פון רב־סרן יאַלו.
- אונטערן פייער פון אַ ירדנישער לויערונג.
- „נישט גלויבן קיין לעבעדיקן אַראַבער״.
- די העלדן, וואָס האָבן איינגעבראָכן כאַן־יונים.
- אַזעלכע זעלנער קען מען נישט באַזיגן.
- די „פליענדיקע מלאכים״.
- גבורה־טראַדיציע פון די קאַמפס־דאָקטוירים.
- געפאַלן ביים אויספירן זיין הייליקע שליחות.
- נסים אויפן פראָנט.
- צוויי קעגן אַ סך.

די כינעזישע גראַנאַטן זענען צוריקגעוואָרפן געוואָרן דעם שונא

סרן דן איז מאָביליזירט געוואָרן דעם 19־טן מאַי 1967, א פּאָר וואָכן פאַר דער מלחמה. ער איז א הויכער, עטוואָס מגושמדיקער קיבוצניק, 28 יאָר אַלט, פאַרהייראַט און א פּאָטער פון א צוויי־יאָריק קינד.

מען האָט אים גערופן פון קיבוץ אין דער בריגאַדע, וואָס האָט זיך באַפעסטיקט קעגנאיבער דעם עזה־פּאַס. אין דער זעלבער בריגאַדע, בראש פון וועלכער עס שטייט סגן־אלוף צבי, איז סרן דן דער קאָמאַנדיר פון פלוגה ג׳. טאַקע אָט די פלוגה האָט געמאַכט געשיכטע אין דער 6־טאָגיקער בליץ־מלחמה, פאַרנעמענדיק אין א בלוטיקער שלאַכט די לאַנגע און באַפעסטיקטע פּאָזיציע אל־קובה, וועלכע האָט געהערשט איבער די יידישע ישובים אין עזה־אָפּשניט.

ביזן אויסברוך פון דער מלחמה זענען די זעלנער פון דער פלוגה געלעגן איינגעגראָבן אויף זייערע פּאָזיציעס און זיך אָפּגעברענט אויף דער זון. אייניקע האָבן אפילו געטענהט, אז „ס׳וועט גאָרנישט זיין און ס׳איז א שאָד די טייערע צייט, ווייל פונקט איצט איז דער שניט און מען דאַרף אַראָפּנעמען די תבואה פון די פעלדער״.

די אַנדערע ווידער האָבן צוגעשטימט, אַז ס׳איז באמת א שאָד צייט, און דעריבער דאַרף מען נישט וואַרטן און שוין געבן די מצרים א „זבענק״, אַז זיי זאָלן האָבן צו געדענקען אויף אייביק... אַזוי צי אַזוי — די פלוגה איז געווען גרייט, פאַרמאַסקירנדיק גוט נישט נאָר איר פּאָזיציע, נאָר אויך די געשפּאַנטע שטימונג פון די מענטשן.

ענדלעך האָט די פלוגה באַקומען צוויי קאַמף־אויפגאַבעס:

✶ אַרויפגיין מיט קאָמאַנדקאַרן און אַמוניציע, הינטער דער פּלוגה ב׳, אויף דער פּאָזיציע אל־קובה, וואָס געפינט זיך דרום־מזרחדיק פון דער שטאָט עזה און מערבדיק פון קיבוץ נחל־עוז.

✶ שטיין גרייט איינצונעמען די שווערע פּאָזיציע, אין פאַל ווען די פּלוגה ב׳ וואָלט געהאַט שוועריקייטן ביים רעאַליזירן איר אויפגאַבע.

סרן דן איז אַרויס מיט זיין פלוגה 4.30 נאָכמיטאָג. דאָס איז געווען מאָנטיק דעם 5־טן יוני, אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה. אין וועג זענען אַרויס 80 חיילים פון דער פלוגה און נאָך 20 חיילים, פּאַטראָלירער און סנייפּערס, פון א ספּעציעלער אָפּטיילונג פון דער בריגאַדע.

די פּלוגה ב׳ האָט טאַקע געהאַט גרויסע שוועריקייטן ביים איינגעמען די פּאָזיציע אל־קובה. אירע זעלנער זענען געפירט געוואָרן אויף טאַנקען און פּאַנצער־אויטאָס, אָבער דאָס רוב חיילים פון דער אָפּטיילונג איז אַרויף אויף א מערדערישן מינען־פעלד. זיי זענען אויך שווער באַשאָסן געוואָרן דורך טאַנקען און האַרמאַטן פון די פיינטלעכע פּאָזיציעס, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט עזה, אל־קובה און עלי־מונטר. די טאַנקען און פּאַנצער־אויטאָס פון דער פּלוגה ב׳ זענען דירעקט געטראָפן געוואָרן פון פיינטלעכן פייער. פּאַלעסטינעזער און קאָמאַנדאָ־מענטשן, וועלכע זענען ווי שרצים אַרומגעלאָפן אין אל־קובה און עלי־מונטר, האָבן נישט געהאַט קיין שום שוועריקייטן ביים באַשיסן אין מיטן העלן טאָג א צה״ל־כוח, וואָס האָט זיך באַוועגט אויף א צעאַקערטן און מינירטן פעלד, וועלכער איז צו אַלע צרות נאָך געלעגן א סך נידעריקער ווי די הויכע אַראַבישע פּאָזיציעס.

די טאַנקען און פּאַנצער־אויטאָס פון דער פּלוגה ב׳, וואָס זענען נישט געטראָפן געוואָרן פון פיינטלעכן פייער, זענען געבליבן אָן אַמוניציע. פון אַכט פּאַנצער־אויטאָס זענען פינף געטראָפן געוואָרן. פון זעקס טאַנקען זענען באַשעדיקט געוואָרן דריי. די פּלוגה ב׳ איז ניטראַליזירט געוואָרן דורכן שונא, און די יעניקע חיילים, וואָס זענען נישט געטראָפן געוואָרן, האָבן זיך צוריקגעקערט צו

זייער אויסגאַנגס־פּונקט, אָן אַמוניציע. דער פֿאָטאָגראַף פֿון באַרימטן אַמעריקאַנער זשורנאַל „לייף“, דער 36־יאָריקער פּאָל שוצער, האָט געפֿונען זיין טויט אין אַ ברענענדיקן פּאַנצער־אויטאָ, וואָס איז געטראָפֿן געוואָרן פֿון אַ פֿיינטלעכער קויל.

די פּלוגה ג׳, אונטער דער קאָמאַנדשאַפֿט פֿון סרן דן, האָט צו דער צייט זיך געפֿונען אין דער סביבה פֿון קיבוץ נחל־עוז. זי האָט באַקומען דעם באַפֿעל אָנצוגרייפֿן אַל־קובה, אָבער אויך זי איז זייער שטאַרק באַשאָסן געוואָרן. עס איז געווען נאָענט צו 5 אַזייגער נאָכמיטאָג און די זון, וואָס איז נאָך נישט געהאַט אונטערגעגאַנגען, האָט מיט אירע שטראַלן פֿאַרבלענדעט די אויגן פֿון די חיילים.

סרן דן איז געזעסן אין ערשטן קאָמאַנדקאַר און נאָך אים — זיין פֿאַרטרעטער סגן עוזיאל. אין דער אויטאָ־קאָלאָנע פֿון סגן עוזיאל האָט זיך אויך געפֿונען דער הויפּט־רב פֿון צה״ל, אלוף שלמה גורן. דן האָט שטאַרק געבעטן דעם רב, ער זאָל זיך צוריקציען, ווייל די סכנה איז געווען זייער אַ גרויסע. דער רב האָט אַפֿילו נישט געוואָלט הערן, אָבער דן האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע און דאָסמאָל האָט אַן אלוף געמוזט הערן דעם באַפֿעל פֿון אַ סרן.

דער אַראַבישער פֿייער פֿון אַל־קובה איז געווען אַ מערדערישער. דער פֿערטער קאָמאַנדקאַר און אַ לאַסט־אויטאָ זענען דירעקט געטראָפֿן געוואָרן פֿון שווערע מינען־וואַרפֿערס. מען האָט אָנגעהויבן עוואַקוּאירן די פֿאַרוווּנדעטע, וועלכע האָבן געשריִען פֿון ווייטיק, אָבער סרן דן האָט אויף גאָרנישט געקוקט. מיט דריי קאָמאַנדקאַרן און 24 חיילים האָט ער זיך געלאָזט פֿאָרויס.

אַ ספּעציעלער שליח פֿון בריגאַדע־קאָמאַנדיר, וועלכער איז געקראָכן אויפֿן בויך אונטעדן פֿייער פֿון שונא, האָט געבראַכט אַ קורצן באַפֿעל: אָנגרייפֿן אַל־קובה פֿון לינקס.

און דער גיהנום האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט.

דריי דזשיפּן, אונטער דער קאָמאַנדשאַפֿט פֿון סגן עמירם בן־

חורין ז״ל, האָבן זיך א לאָז געטאָן פאָרויס און זיך אויסגעשטעלט נעבן א פלויט פון סאַברע־קוסטעס, זייער נאָענט פון אל־קובה, און האָבן אָנגעהויבן באַשיסן דעם שונא מיט א שטאַרקן פייער. סרן דן און סגן עוזי האָבן אָנגעהויבן א שטורעם צופוס, דורך א מינען־פעלד. אַלע האָבן געשאָסן אין אַלעמען — פון אַלע ריכטונ־גען. נעבן א קליין וועלדל פון איילבירט־בוימער האָט סרן דן, אויף דער אייגענער איניציאַטיוו, צעטיילט זיין קליינעם כוח אויף צוויי גרופּן און ער האָט באַשלאָסן: זיין פאַרטרעטער סגן עוזי זאָל שטורעמען פון רעכטס און ער אַליין וועט שטורעמען פון לינקס, כדי איינצונעמען די פּאָזיציע אין א קאַמף פּנים אל פּנים.

און אַזוי איז געשען. אין א פראָנטאַלן אָנגריף האָבן ביידע צדדים זיך צונויפגעשטויסן ווי צוויי שטורמישע כוואַליעס, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געוואָלט אָפּשווענקען די צווייטע. די פּאַלעסטינעזער האָבן געוואָרפן אויפן סרן דן און זיינע מענטשן כינעזישע גראַנאַטן, אָבער דן און זיינע מענטשן האָבן געכאַפּט די גראַנאַטן אין דער לופטן ווי פּילקעס, און זיי געוואָרפן צוריק אויפן שונא. מען האָט זיך געשלאָגן אויף פויסטן און זיך געכאַפּט פאַר די העלדזער. די צה״ל־חיילים איז געלונגען צו פאַרכאַפּן געווער פון שונא און זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דעם, כדי אָפּצו־רייניקן די לאַנגע פּאָזיציע — 500 מעטער פון א טיף־באַפעסטיקטן שוץ־גראָבן, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן א פּאַלעסטינעזער קאָמאַנדאָ־איינהייט פון אַכמעד שוקייריס „באַפרייאונגס־מיליטער״.

דן האָט באַוויזן אָפּצורייניקן אַ דריטל פון דער באַפעסטיקונג, ווי פּלוצים איז ער געבליבן שטיין קעגנאיבער א שווערן רוסישן אויטאָמאַט פון טיפּ „גוריאַנאָוו״. א שטאַרק פייער האָט פאַרצוימט דעם דורכגאַנג. סרן דן האָט נאָך געהאַט ביי זיך איין באַזוקאַ־באָמבע. ער האָט לאַנג נישט געקלערט, און — דער אויטאָמאַטשיק מיטן רוסישן וואָפן איז איינגעשטילט געוואָרן...

די אויפגאַבע איז געווען א שווערע. די פּאַלעסטינעזער האָבן בשום אופן נישט געוואָלט קאַפּיטולירן, אָבער דן האָט אויך נישט געוואָלט רעזיגנירן. צום אָנהייב פון שטורעם אויף דער פּאָזיציע האָט ער געהאַט מיט זיך 24 חיילים. ווען ער איז אַריין אין שוץ־

גראָבן זענען פאַרבליבן 12, און ווען ער איז אָנגעקומען צום סוף פון דער פּאָזיציע, זענען געווען מיט אים בלויז זעקס חיילים, אַלע פאַרוואונדעטע, צווישן זיי אויך ער.

טראָץ דעם האָבן די צה״ל־קעמפער נישט נאָכגעלאָזט דעם דרוק אויף די פּאַלעסטינעזער, וועלכע האָבן זיך צוריקגעצויגן אין א פאַרעקשנטן ווידערשטאַנד צו דער צווייטער עפענונג פון דער פּאָזיציע. אין דאָזיקן צפונדיקן טייל האָט זיך געפונען א בונקער, פון וועלכן עס האָט געפירט א וועג און א שוץ־גראָבן צו דער צווייטער מערדערישער פּאָזיציע עלי־מונטר, וואָס איז 400 מעטער ווייט פון אל־קובה. סרן דן איז געווען פאַרוואונדעט און בלוט האָט זיך געגאָסן פון זיין רעכטן פוס, אין וועלכן עס האָבן געשטעקט שפּליטערס פון א גראַנאַט. אָבער ער האָט פאַרגעזעצט זיין מלאכה.

ווען די פאַרוואונדעטע גרופּע צה״ל־חיילים איז אָנגעקומען צום סוף פון אל־קובה, איז זיי אַנטקעגנגעקומען, לויטן פּלאַן, סגן עוזי [redacted]. אין זיין בליץ־שטורעם איז ער געווען אָפן אויסגעשטעלט אויפן פייער פון שונא. דאָס איז געווען די שענסטע שעה פון די צוויי קליינע גרופּן, וועלכע האָבן אָפּגערייניקט אל־קובה פון די פיינטלעכע זעלנער.

סגן עוזיאל (עוזי) [redacted] 22 יאָר אַלט, א געבוירענער אין תל־אביב, איז א זון פון דער תימנישער עדה. א מוטיקער בחור מיט א סך איניציאַטיוו. ער אַרבעט אַלס שלאָסער אין פאַרקער־קאָאָפּעראַטיוו „אגד״.

ווען ער איז אַרויס צום ציל מיט די 18 חיילים, וואָס זענען אים פאַרבליבן, איז ער אָנגעקומען צום אַספאַלט־שאָסיי עלי־מונטר—נחל־עוז. פאַרן שאָסיי, אייניקע צענדליק מעטער פון אל־קובה, האָט א מינע אויפגעריסן אין צענטער פון זיין גרופּע און אַלעמען פאַרוואונדעט. ווען ער איז געקומען צום ציל האָט ער געהאַט מיט זיך בלויז... דריי חיילים, לייכט פאַרוואונדעטע. ער גופא האָט נישט געזען אויפן לינקן אויג, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון א שפּליטער.

דן, עוזי און זייערע מענטשן האָבן געשאָסן אויפן שונא, וואָס

איז אַנטלאָפן פון שוץ־גראָבן, אָבער פּלוצים איז אויף זיי געעפנט געוואָרן אַ מערדערישער פייער פון אַ פאַרמאַסקירטער פּאָזיציע, אין פאָרם פון אַ באַסיין, וואָס האָט זיך געפונען אין צענטער פון דעם שוץ־גראָבן. אין גאַנג פון קאַמף האָבן די חיילים משמעות נישט אָפּגעריייניקט די גאַנצע פיינטלעכע פּאָזיציע, און איצט האָט אַ פּאַלעסטינעזער כוח זיך אָרגאַניזירט אויפסניי אין באַסיין.

דן און עוזי האָבן געמיינזאַם אָנגעהויבן שטורעמען דעם באַסיין. סגן עוזי האָט נאָך געהאַט ביי זיך אַ גראַנאַטן־ביקס קעגן טאַנקען. אויפן באַסיין איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ גראַנאַט און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער שטורעם. דער באַסיין איז איינגענומען געוואָרן.

די „אַרבעט" האָט זיך פאַרענדיקט. עס איז געווען 6.15 פאַרנאַכט, צוויי שעה נאָכדעם, ווי די פּלוגה ג׳ האָט באַקומען די שווערע אויפגאַבע צו פאַרנעמען די פּאָזיציע אל־קובה אין אַ פראָנטאַלן אָנגריף, אונטער די שטראַלן פון דער זון, וועלכע האָבן פאַרבלענדעט די אויגן פון די קעמפער.

די פּלוגה פון סרן דן האָט געהאַט 8 דערהרגעטע און 31 פאַרווונדעטע. סגן עוזי האָט געהאַט 11 רעגיסטרירטע פאַרווונדעטע און 6, וועלכע האָבן בשום אופן נישט געוואָלט באַקומען קיין מעדיצינישע באַהאַנדלונג, הגם זיי זענען געווען פאַרווונדעט, ווייל מען וואָלט זיי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל און זיי וואָלטן מער נישט געקענט קעמפן. די דאָזיקע חיילים האָבן מיט די אייגענע הענט באַנדאַזשירט זייערע ווונדן און זענען פאַרבליבן אויפן פראָנט, כדי ממשיך זיין די הייליקע עבודה פון פאַרניכטן אַ שונא, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט כדי אונדז אומצובריגגען.

די צאָלרייכע געפאַנגענע האָבן דערציילט, אַז זייערע אָפיצירן זענען אַנטלאָפן די ערשטע. נישט קיין ווונדער. פאַר די דאָזיקע „העלדן" איז גלייך געווען קלאָר, אַז דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך אַזעלכע אמתע גיבורים ווי סרן דן, סגן עוזי און זייערע מענטשן — איז אַ פאַרשפּילטער ענין.

איינער אַליין קעגן אַ גאַנצער מצרישער אָפּטיילונג

דאָס איז געווען אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה, מאָנטיק דעם 5־טן יוני, פאַרטאָג. די זעלנער פון דער פאַנצער־בריגאַדע, אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון אלוף־משנה ישכה, זענען געווען גרייט אַרויסצוגיין פון דער ריכטונג ניצנה צו דער גרענעץ, כדי צו פאַרניכטן די מצרישע פאַנצער־כוחות. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ שנעלער נסיעה פון אַן אָפּטיילונג אין דער ריכטונג פון דזשעבעל ליבני.

דער טוראַי עובדיה יהושע, וואָס אין דער שכונה רמת־ישראל אין תל־אביב האָבן אים אַלע געקענט מיטן צונאָמען „כושי" (דער נעגער), איז נאָך דאַן געווען אַ חייל ווי אַלע חיילים. ער האָט זיך געפונען נעבן אויטאָמאַט אין פאַנצער־אויטאָ פון קאָמאַנדיר און ווי אַלע קעמפער האָט ער געריכטעט דאָס פייער צו די פּאָזיציעס פון שונא, וואָס זענען אַנטדעקט געוואָרן אין וואַדי.

— דאָס איז געווען, ווי מיר וואָלטן בלויז אָנגעוואַרעמט די לופעס — האָט ער שפּעטער דערציילט.

זיי זענען אָפּגעפאָרן עטלעכע צענדליק קילאָמעטערס און אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן דזשעבעל ליבני. אין אַ נאַכט־קאַמף איז דאָס אָרט איינגענומען געוואָרן דורך צה"ל.

די חיילים האָבן כמעט נישט געגלויבט, אַז דאָס איז אַן אמתע מלחמה. די שנעלקייט פון די מיליטערישע אָפּעראַציעס און די שנעלקייט, מיט וועלכער די מצרישע זעלנער זענען אַנטלאָפן פון פראָנט, איז געווען אַזוי גרויס, אַז די מוטיקערע צווישן די ישראל־קעמפער האָבן זיך כמעט געבעטן: לאָזט אונדז ווייזן וואָס מיר קענען. אויב דאָס וועט גיין אַזוי ווייטער, וועט מען דאָך זאָגן אויף אונדז, אַז מיר זענען געפאָרן אויף אַן אויספלוג, און נישט אויף קיין מלחמה...

זייער כוח האָבן די צה״ל־חיילים געקאָנט דעמאָנסטרירן ווען זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף א ווידערשטאַנד מצד די מצרישע זעלנער, וועלכע האָבן זיך געהאַט באַפעסטיקט אויף זייערע פּאָזיציעס. אָבער א סך זעלנער פון שונא האָבן בעסער געוואָלט קאַפּיטולירן און אַריינפּאַלן אין געפאַנגענשאַפט, אַבי נישט צו פילן די צעשמעטערנדיקע קלעפּ פון די צה״ל־העלדן. אַזאַ איז אויך משמעות געווען די שטרעבונג פון א מצרישן גענעראַל, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויפן פלי־פּלאַץ נעבן דזשעבעל ליבני.

— דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג האָט מיך געהייסן אָפּריייניקן אייניקע פון די געביידעס אויפן פלי־פּלאַץ — דערציילט „כושי״ — און ווען מען הייסט מיר עפּעס טאָן, ווייסט מען, אַז איך וועל דאָס אויספירן זייער גענוי און פּינקטלעך.

„כושי״ איז תיכף צוגעגאַנגען צום בנין, לויט אַלע כללים פון מיליטערישער פאָרזיכטיקייט, ווי מען האָט אים דאָס געלערנט בעת די איבונגען, אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו טאָן, איז פון הויז אַרויס דער מצרישער אָפיציר מיט אויפגעהויבענע הענט. די פאַראָרדענונג איז אים געווען צו ברענגען א לעבעדיקן, אַלס געפאַנגענעם. און „כושי״ דערציילט:

— ער האָט אויסגעזען ווי אַן אייראָפּייער אין זיין אויסזען און האַלטונג. ער האָט גערעדט ענגליש. איך בין געווען אַליין מיט אים. איך האָב פאַר קיין זאַך נישט מורא געהאַט און אויך פאַר אים האָב איך זיך נישט געשראָקן. בכלל, ווייס איך נישט וואָס דאָס הייסט פחד, אָבער איך האָב אים געוואָרנט, אַז אויב עמיצער איז פאַראַן אינעווייניק און וועט שיסן אויף מיר, וועט דאָס אים קאָסטן זייער טייער. דער מצרישער אָפיציר האָט מיר פאַרזיכערט, אַז בלויז ער אַליין האָט זיך אויסבאַהאַלטן. איר האָט געמעגט זען דאָס בילד. איך, א געוויינלעכער טוראַי, נישט קיין הויכער און עטוואָס אויסגעדאַרט, פיר אַליין דעם הויכן און אויסגעפרעסענעם מצרישן גענעראַל. דער „גרויסער סטראַטעגיקער״ האָט אָבער משמעות נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם מצב, ווייל א געוויסן מאָמענט האָט דער גענעראַל פלוצים א לאָז געטאָן די רעכטע האַנט צום רעוואָלווער, וואָס איז געהאָנגען אויף זיינע לענדן, מיט דער

כוונה מיך פּאַרטיק צו מאַכן. איך בין אָבער געווען שנעלער. איך האָב א קוועטש געטאָן אויפן צינגל פון אויטאָמאַט און אַרויסגעלאָזט בלויז איין קויל. דאָס איז געווען גענוג פאַר אים. דאָס איז געווען אויך גענוג פאַר מיר, כדי צו ראַטעווען מיין לעבן. ווייל ביי מיר איז יעדע קויל — דער קאָפּ פון א מצרי. איך פאַרשווענד נישט קיין קוילן און דאָס געווער ליגט גוט אין מיינע הענט.

דער טויטער גענעראַל איז געבליבן ליגן אין די הייסע זאַמדן און די אָפּטיילונג איז אַוועק ווייטער. פאַרנאַכט האָט די אָפּטיילונג זיך געפונען נעבן דער פּאָזיציע ביר־תמדה, אויף דער צענטראַלער קאַמפּס־ריכטונג אין סיני.

א סך פון די מצרישע זעלנער האָבן אויך דאָ קאַפּיטולירט און זיך אונטערגעגעבן, אָבער אַנדערע קעמפער פון שונא האָבן נישט געוואָלט לייגן דאָס געווער און אָנגעהויבן באַשיסן די צה״ל־חיילים, וועלכע האָבן תיכף זיך פונאַנדערגעשאָטן אין שטח. אונדזערע זעלנער האָבן אָנגעהויבן אָפּצורייניקן די פּאָזיציעס פון שונא. קיין סך צייט איז נישט געווען, ווייל די פּאַנצער־בריגאַדע האָט געהאַט דעם באַפעל זיך צו באַוועגן מיט דער גרעסטער שנעלקייט צום „מיטלה־דורכגאַנג", כדי אָפּצושניידן דעם צוריקטריט פון די מצרישע כוחות. ווייל דאָס איז אייגנטלעך געווען די הויפּט־אויפגאַבע פון דער פּאַנצער־בריגאַדע פון אלוף־משנה ישכה: זיך באַוועגן וואָס שנעלער, איבערשניידן דעם מדבר סיני און שלאָגן דעם שונא בעת זיין צוריקטריט. אָבער טראָץ דעם האָט מען נישט געטאָרט איבערלאָזן די פּאָזיציע אין ביר־תמדה א נישט־אָפּגערייניקטע פון די פיינטלעכע כוחות. צוליב דער זאָרג פאַר די צה״ל־איינהייטן, וואָס וועלן קומען דערנאָך און וועלן זיין זיכער, אַז אויפן דאָזיקן אָרט זענען שוין נישטאָ קיין פרעמדע זעלנער. און דאָ איז „כושין" ווידער געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט צו ווייזן וואָס ער קען.

דאָס איז געווען, ווען דער פּאַנצער־אויטאָ, אין וועלכן עס זענען געפאָרן „כושי" און זיינע חברים, איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך פלאַמען. קיינער האָט נישט געוווסט אין דער ערשטער רגע וואָס צו טאָן, אָבער „כושי" האָט אַרויסגעוויזן קאַלטבלוטיקייט. געדולדיק, אָן בהלה, האָט ער געראַטעוועט דעם מצב. פלינק ווי

א קאַץ האָט ער זיך א וואָרף געטאָן צום לעש־אַפּאַראַט און אָנגע־הויבן איינשטילן דאָס פייער. ווען דאָס איז נישט געווען גענוג, האָט ער אָנגעהויבן שרייען צו די חברים זיי זאָלן נעמען די לעש־אַפּאַראַטן פון אַלע פּאַנצער־אויטאָס. גלייכצייטיק האָט ער אָנגע־הויבן זיך באַנוצן מיט די שלאָף־זעק און צום סוף איז דאָס פייער איינגעשטילט געוואָרן.

דער דאָזיקער עפּיזאָד שיינט צו זיין נישט קיין „העלדישער", אָבער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס פייער אויפן ערשטן פּאַנצער־אויטאָ האָט געקענט שטעלן אין סכנה דעם המשך פון דער גאַנצער אַקציע ביים פאַרנעמען דעם „מיטלה־דורכגאַנג". אויב דאָס איינלעשן דאָס פייער קען נישט פאַרגליכן ווערן צו גבורה אין קאַמף, האָט אָבער אָט דער פאַל געקאָנט גורם זיין אַן אומגליק, וואָס וואָלט אָן ספק זיך אויסגעווירקט אויף דעם ווייטערדיקן קאַמף פון דער איינהייט.

„כושי" האָט דערמעגלעכט דעם המשך פון דער אַקציע — א המשך, אין וועלכן ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט דערנאָך אין קאַמף ממש. די גבורה פון א קעמפער, וואָס דערציילט היינט מיט פשטות: „נעבן מיטלה־דורכגאַנג האָט מען נאָך דער מלחמה גע־קאָנט זען א סך קערפּערס פון דערהרגעטע מצרישע זעלנער. א גרויסער טייל פון זיי — איז מיין אַרבעט. איך האָב זיי געשניטן, ווי נאָר זיי האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ".

אָט די פשטות איז א רעזולטאַט פון א שווער לעבן, וואָס „כושי" האָט אָנגעהויבן אין 1940 אין „כרם התימנים" אין תל־אביב, אין א משפחה פון צען נפשות, ווו דער טאַטע איז שטענדיק געווען פאַריאָגט ביים זוכן פרנסה. שפּעטער האָט די משפחה זיך אַריבערגעטראָגן קיין רמת־ישראל און אין דער דאָזיקער שכונה איז יהושוע עובדיה אויסגעהאָדעוועט און אויפגעוואָקסן געוואָרן. דאָרטן האָט ער זיך גלייך אויסגעטיילט מיט זיינע פעאיקייטן. צוליב זיין טונקעלן אויסזען האָט אים די חברה א נאָמען געגעבן „כושי" און זינט דאַן איז דאָס זיין „אָפיציעלער" נאָמען, וואָס האָט אים באַגלייט אויף יעדן אָרט, ווו ער איז געגאַנגען.
און די ערטער זענען געווען א סך. דאָס הויז פון די עלטערן,

א יוגנט־הויז, א קיבוץ, פֿאַרשיידענע אַרבעטס־פּלעצער און דינסט אין צה״ל. שוין דאַן, אין 1957, האָט ער געזען דעם טויט פֿאַר די אויגן.

דאָס איז געווען ווען די סיריער האָבן באַשאָסן די ישובים אין צפון. דער כוח, אין וועלכן „כושי״ האָט זיך געפֿונען, האָט באַקומען א באַפֿעל איינצושטילן די סירישע אַרטילעריע.

— מיר זענען אַריין אין אויסגעטריקנטן שטח פֿון חולה — דערציילט „כושי״ — און די סיריער האָבן נישט אויפֿגעהערט אונדז צו באַשיסן. מיר האָבן געוווּסט, אַז יעדע רגע קען מען צעריסן ווערן אויף פּיצלעך פֿון א פֿיינטלעכער אַרטילערישער קויל, אָבער מיר זענען געגאַנגען פֿאָרויס, אָן פּחד... די טירישע אַרטילעריע איז דורך אונדז שפּעטער איינגעשטילט געוואָרן...

ווען „כושי״ איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון מיליטער, האָט ער זיך באַשעפֿטיקט מיט אַלץ, פֿון וואָס מען קען ציען פּרנסה. זוכנדיק אַרבעט איז ער אָנגעקומען ביז אשקלון, ווו ער האָט אויך באַקענט זיין פֿרוי. „כושי״ קומט צוריק קיין תּל־אביב, צו זיין שכונה, צו רמת־ישראל, ווו ער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט. אין אָרטיקן בית־הנוער איז אים פֿאָרגעלייגט געוואָרן אַן אַרבעט. די מענטשן האָבן אים געקענט, האָבן געוווּסט וועגן זיין כאַראַקטער און פֿעאיקייטן און זיי האָבן אים דערמעגלעכט דורכצוגיין א קורס פֿאַר אינסטרוקטאָרן.

די איינוווינער פֿון דער שכונה האָבן אים נאָך דער מלחמה אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער האָט וואָס צו זאָגן און מען קען זיך צוהערן צו אים. און „כושי״ דערציילט ווייטער:

— ווען די פּאַנצער־בריגאַדע איז אָנגעקומען צום „מיטלה־דורכגאַנג״, איז געהאָנגען איבער מיר אַן אויסגעשטערנטער הימל און ווען נישט די נאַכט, וואָלט איך שוין זיכער מער נישט געלעבט. כדי צו העלפֿן ביים אָפּשניידן דעם צוריקטריט פֿון די מצרים האָט מען געדאַרפֿט אַוועקשטעלן א פֿאָדערשטן אָבסער־

וואַציע־פּונקט אין „מיטלה־דורכגאַנג". אַרויפגיין אויפן באַרג האָט באַדייט: זעלבסטמאָרד. דאָס אָרט איז נישט נאָר געווען אָפּגעדעקט פאַרן פייער פון שונא, נאָר אויך פאַר אונדזער אייגענער אַרטי־לעריע און אין פאַל פון א פייער־אויסטויש וואָלט דער דאָזיקער אָבסערוואַציע־פּונקט תיכף פאַרניכטעט געוואָרן דורך ביידע צדדים. מען האָט געזוכט פרייוויליקע, אָבער איך האָב נישט געדאַרפט זיך שטעלן פרייוויליק צו דער געפערלעכער אויפגאַבע, ווייל עס איז געווען קלאָר, אַז איך וועל דאָרטן אַרויפגיין דער ערשטער. מען האָט מיר געזאָגט: גיי, בין איך געגאַנגען. איך האָב נישט מורא געהאַט, ווי געוויינלעך, איך ווייס, אַז יעדע קויל האָט אַן אַדרעס און מען קען זיך פון איר נישט אַרויסדרייען.

צוזאַמען מיט מיר איז אַרויף דער שאָפער פון פאַנצער־אויטאָ, משה משה, און מיר האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף מצרישע זעלנער, וואָס זענען געגאַנגען פון דער אַנדערער זייט. די זעלנער פון שונא האָבן אָנגעהויבן אונדז אַרומצורינגלען. משה משה איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: „כושי, איך בין פאַרבײַ". איך בין פאַרבליבן אַליין. די אַמוניציע איז געוואָרן ווייניקער און כדי נישט דערלאָזן צו מיר די מצרישע זעלנער, האָב איך פון צייט צו צייט געוואָרפן גראַנאַטן. עס איז שוין געווען פינצטער און דאָס האָט געראַטעוועט מיין לעבן, ווייל א געוויסן מאָמענט האָב איך דערהערט נעבן זיך קולות אין אַראַ־ביש. אָבער צו מיין מזל האָבן די מצרים מיך נישט געזען. איך האָב זיך שטיל צוריקגעצויגן און פּלוצים האָב איך דערזען ליגן נעבן מיר אַן אויטאָמאַט, וואָס האָט משמעות געהערט צו א פאַר־ווונדעטן זעלנער. איך האָב גענומען שיסן אין דער ריכטונג פון וואַנען עס זענען געקומען די קולות פון די מצרישע זעלנער. זיי האָבן זיך איבערגעשראָקן און אָנגהויבן אַנטלויפן. דאַן האָב איך זיך צוריקגצויגן צו מיין אָבסערוואַציע־פּאָזיציע און מיט די לעצטע כוחות האָב איך אין שוץ־גראָבן אַוועקגעשטעלט דעם שווערן און וואַרעמען נאָך אויטאָמאַט. קיין סך האָב איך נישט געשאָסן, ווייל איך האָב שוין נישט געהאַט קיין קוילן, אָבער דאָס איז גענוג געווען צו פאַרניכטן דעם כוח פון שונא.

פאַרטאָג זענען די חברים פון „כושי" געקומען צו דער פּאָזי־

ציע. דער אומגעקומענער משה משה איז אַוועקגענומען געוואָרן. „כושין“ האָט מען געמוזט האַלטן אונטער די אָרעמס, ווייל ער האָט שוין כמעט קיין כוח נישט געהאַט צו גיין...

„כושי“ איז געפאַלן א טויט־מידער נעבן פאַנצער־אויטאָ און איז איינגעשלאָפן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט הערנדיק אַרום זיך א שיסעריי. „איך האָב ווייטער געקעמפט ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַסירט“ — האָט דערקלערט דער זעלנער עובדיה יהושוע, וועגן וועלכן דער קאָמאַנדיר האָט שפּעטער געזאָגט: „ער האָט איינער אַליין העלדיש געקעמפט קעגן א גאַנצער אָפּטיילונג פון שונא, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין ראַיאָן פון דער בריגאַדע. ער האָט געהאַנדלט שנעל און פאַרניכטעט די אָפּטיילונג פון שונא“.

א פשוטע שילדערונג פון א העלדן־טאַט, וואָס איז גאָרנישט אַזוי פשוט...

דער פאַרווונדעטער האָט ווייטער געפירט זיין טאַנק

א פולשטענדיקע פינצטערניש האָט געהערשט אין דער סביבה. הינטער אונדז און פאַר אונדז האָבן זיך געצויגן אָן־סופיקע שטחים פון זאַמדיקע דיונעס. וועגן מידקייט איז בכלל נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן. נאָר איין מחשבה האָט אונדז געהאַלטן אויף די פיס: מען טאָר נישט בלייבן הינטערשטעליק נאָך דעם איבעריקן כוח, וואָס האָט זיך גערוקט פאָרויס. מיר מוזן זיך באַטייליקן אין די קאַמפן צוזאַמען מיט דער גאַנצער בריגאַדע.

פאַרטאָג האָבן מיר זיך געגרייט צום שטורעם אויפן מיטלה־דורכגאַנג. דאָס איז געווען דער דריטער טאָג פון דער מלחמה און מיר האָבן שוין געהאַט איבערגעלאָזט הינטער זיך א סך פיינטלעכע טאַנקען, ברענענדיקע אָדער צעשמעטערטע. מיר זענען דעריבער געווען זיכער, אַז אויך די אַנדערע טאַנקען פון שונא, וואָס וועלן וואַגן אונדז אָנצוגרייפן, וועלן האָבן דעם זעלבן טוף.

נאָכן אָפפאָרן צוויי קילאָמעטער האָבן מיר דערזען ווי די מצרישע טאַנקען דערנענטערן זיך און דאַן איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל צו עפענען פייער.

דער אַרטילעריסט פון מיין טאַנק האָט שוין פון לאַנג געוואַרט אויף דער דאָזיקער רגע. ער האָט רואיק געצילט און אויסגעשאָסן. באַלד ביי דער ערשטער קויל האָט ער אויסגעשריען: „חברה, איך זע ווי פון אים שלאָגט אַ רויך!"

די איבעריקע חברים פון דער מאַנשאַפט אָבסערווירן דורכן פעריסקאָפּ און באַשטעטיקן: דער מצרישער טאַנק איז איצט שמעלץ פון וועלכן עס האַקט א שוואַרצער רויך.

איך האָב ממשיך געווען צו פירן דעם טאַנק. דאָסמאָל איז דער צוזאַמענשטויס געווען א קורצער. נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרברענט

עטלעכע מצרישע טאַנקען, זענען די איבעריקע אַנטלאָפן. איך האָב געזאָגט צו מיין אַרטילעריסט, אַז אויב ער וועט אַזוי גוט אַרבעטן אין דער פאַבריק, ווי אויפן שלאַכט־פעלד, וועט ער גאָר גיך ווערן גענעראַל־דירעקטאָר פון דער אונטערנעמונג...

דער אַרטילעריסט האָט געלאַכט און צוריקגעענטפערט: „דאָ איז נישטאָ קיין חכמות. אָדער איך קלאַפּ אים, אָדער ער מאַכט פון אונדז אַלעמען קאָטלעטן. חוץ דעם, דאַרף מען דאָך ווייזן די מצרים מיט וועמען זיי האָבן דאָ צו טאָן...״

אין יענער נאַכט האָבן מיר נישט צוגעמאַכט מיט אַן אויג. איידער מיר האָבן באַוויזן זיך אָפּצושטעלן אויף א ווײַלע, האָבן מיר שוין באַקומען א באַפעל צו פאָרן ווייטער. מסתמא האָט איר דאָך געהערט וועגן דער גרויסער שלאַכט צווישן אונדזערע טאַנקען און דעם שונאס. זי איז פאָרגעקומען צומאָרגנס אינדערפרי. א געוויסן מאָמענט האָב איך דערפילט, ווי א שטיק שטאָל פליט איבער מיר, פרעגט נישט פון וואַנען, און האָט זיך מיר אַנידערגעזעצט אויפן פוס. דער טאַנק איז געפאָרן ווייטער און איך האָב א געשריי געטאָן: מאַמעלע!

די מאַמע מיינע איז נישט געווען נעבן מיר, אָבער די חברה האָבן דערהערט און האָבן גלייך געמאָלדן, אַז דער שאָפער פון טאַנק איז פאַרוווּנדעט. איך געדענק, אַז איך האָב צוריקגעשריִען צו זיי, אַז ס'איז גאָרנישט, אַז איך באַנדאַזשיר דעם פוס און פיר דעם טאַנק ווייטער. די הויפּט־זאַך — איך האָב געפילט דעם פוס, אָבער די ווייטיקן זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. איך האָב שרעקלעך געליטן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז אויב איך וועל ווייטער אַרבעטן מיטן פוס, איז מיין לעבן צו ענדע, אָבער ווי האָב איך געקאָנט אין אַזאַ מאָמענט פאַרלאָזן די מאַשין? דאָס קלינגט אפשר אומגלויבלעך, עפּעס אַזוינס ווי ציוניזם, אָבער א פאַקט איז, אַז איך האָב מיר נישט געקאָנט דערלויבן איבערצווייזן דעם רודער פון טאַנק אין אַנדערע הענט. די מאַנשאַפט וואָלט דורך דעם פאַרקלענערט געוואָרן און די שפּאַנונג וואָלט געשטיגן. דאָס וואָלט זיך אויך זיכער אָפּגערופן אויפן מצב־רוח פון אונדזער אַרטילעריסט און ער וואָלט שוין נישט געקאָנט שלאָגן די מאַשינען פון שונא מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט ווי פריער. ווען עס וואָלט חס וחלילה

געטראָפן אַן אומגליק מיט מיין טאַנק, וואָלט איך זיך דאָס קיינמאָל נישט געקענט שענקען.

דער קאָמאַנדיר האָט געטאָן אַלץ, כדי מיר איבערצייגן, אַז איך זאָל פאַרלאָזן דעם טאַנק און אַריבערגיין אין א פאַנצער־אויטאָ, אָבער איך האָב בשום אופן נישט מסכים געווען. איך האָב אַלץ געטאָן כדי אָפּצושטעלן דעם שטראָם פון בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן פון מיין פוס און פאַרביסן די ציינער פאַר ווייטיק, אָבער דעם רודער האָב איך נישט אַרויסגעלאָזט...

איין זאַך קען איך נאָך נישט באַנעמען: פאַרוואָס איצט, אין שפּיטאָל, קען איך מיטן פוס נישט רירן. אָבער דאָרטן, בעת דער שלאַכט, האָב איך מיט אים געקוועטשט אויף די פּעדאַלן ווי אַ שד...

דאָס אַלץ דערציילט דער טאַנק־שאָפער, טוראי יוסף. ער ליגט איצט אויף זיין ווייסן געלעגער אין שפּיטאָל און ברענגט אַרויס זיינע זכרונות. א פּאָר קוליעס שטייען נעבן זיין בעט, אָבער ער מאַכט זיך נישט זעענדיק. „דאָס איז סתם אַזוי, אָפּיציעל, אָבער אין דריי וואָכן אַרום וועט מען אַראָפּנעמען דעם גיפּס און אַלץ וועט זיין בסדר גמור. ריכטיק, ווען איך וואָלט גלייך פאַרלאָזן דעם טאַנק און אַוועק אין שפּיטאָל, וואָלט דער מצב געווען א סך בעסער, אָבער איך שווער זיך, אַז איך באַדויער נישט אפילו אויף א רגע, וואָס איך האָב דאַן געקעמפט א גאַנצן טאָג, צוזאַמען מיט דער גאַנצער חברה".

דאָס איז נאָך נישט אַלץ. זיצנדיק אַ פאַרוואונדעטער אין טאַנק ביים רודער, האָבן מיר דערזען פון דערווייטנס צוויי טאַנקען פון שונא. עס האָט געשיינט, אַז זיי האָבן נאָר געוואַרט מיר זאָלן זיך דערנענטערן צו זיי. אין דער זעלבער סעקונדע האָב איך מיטן קראַנקן פוס א קוועטש געטאָן אויפן פּעדאַל. דער דרוק איז, פאַר־שטייט זיך, געווען א שוואַכער און דער טאַנק איז געפאָרן זייער לאַנגזאַם. מיר איז געגאַנגען אין לעבן, אַז אונדזער טאַנק זאָל פאַר־ניכטן די צוויי מצרישע טאַנקען. איך האָב אין האַרצן זיך געבעטן ביי מיין פוס, אַז ער זאָל מיר נישט מכשיל זיין אין די דאָזיקע גורלדיקע מינוטן. איך האָב א קוועטש געטאָן דעם פּעדאַל שטאַרקער און האָב דערפילט א שאַרפן ווייטיק, ווי עמיצער וואָלט מיט א שאַרפן מעסער געקראַצט דעם קראַנקן פוס, אָבער דער טאַנק האָט

געפאָלגט. ער האָט זיך א לאָז געטאָן פאָרויס, דער אַרטילעריסט האָט געצילט און... מיר האָבן פאַרשריבן אויף אונדזער בילאַנס נאָך צוויי פאַרניכטעטע טאַנקען פון שונא.

די חברה האָבן געשריען, אַז נאָר אַדאַנק דעם קראַנקן פוס האָבן מיר געהאַט אַזאַ הצלחה, אָבער איך האָב שוין ווייטער נישט געקאָנט. ווען מיר זענען אָנגעקומען צום מיטלה־דורכגאַנג האָט מען מיך געמוזט אַרויסטראָגן אויף די הענט.

קאָן זיין, אַז מיין דערציילונג איז בלויז וועגן א קראַנקן פוס, און נישט וועגן א טאַנק, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין בלוטיקע שלאַכטן. אָבער אין צה״ל האָט מען אונדז געלערנט, אַז אַ טאַנק אָן א טרייער מאַנשאַפט איז נישט מער ווי א טויטער הויפן שטאָל. דאַקעגן אַ טאַנק מיט א גוטער מאַנשאַפט קען ווייזן וווּנדער. אויף מיין אייגענער הויט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז א הייליקער אמת. אַדאַנק אונדזערע מאַנשאַפטן האָבן מיר צעשמעטערט דעם מצרישן שונא און זיך דערנענטערט ביז צום סועץ־קאַנאַל.

מיט ביקסן קעגן טאַנקען

דער קאַמף איז געגאַנגען פאַר דער שטאָט עזה.

איינציקע קילאָמעטער פון דער שטאָט געפינט זיך דער וועג־קנופּ חרת—דארדזש, ווו א גרעסערע מצרישע איינהייט האָט זיך שטאַרק באַפעסטיקט און זיך טיף איינגעגראָבן אין שוץ־גראָבנס. דער שונא איז געווען אויסגעשטאַט מיט שווערע אויטאָמאַטן און אַרטילעריע. איידער די פּאַראַשוטיסטן זענען אָנגעקומען צו דער דאָזיקער פּאָזיציע, איז זי באָמבאַרדירט געוואָרן דורך ישראלדיקע עראָפּלאַנען, אָבער עס שיינט, אַז די עראָפּלאַנען האָבן קיין גרויסן שאָדן נישט גורם געווען.

די איינהייט פון סרן אמסאלם איז אַריבער דעם וועג־קנופּ פון מזרח־זייט און דאַן איז אויף איר געעפנט געוואָרן א פייער פון אַלע זייטן. די חיילים האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן שטורעמען די מצרישע פּאָזיציע. די זעלנער פון שונא האָבן דאָ געקעמפט מיט גרויס גבורה און דער פאָרויסמאַרש פון די פּאַראַשוטיסטן איז געווען זייער א לאַנגזאַמער. עס איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרנעמען די פּאָזיציע מיט א פראָנטאַלן שטורעם און אונטער אַ האָגל פון פיינטלעכע קוילן האָבן די פּאַראַשוטיסטן אָנגעהויבן אַריינשפּרינגען אין די שוץ־גראָבנס, וואַרפנדיק גראַנאַטן און שיסנדיק פון די „עוזיס".

סרן אמסאלם איז שנעל געלאָפן פאָרויס און הינטער אים — איינער פון די קעמפער, וועלכער האָט געדעקט זיין קאָמאַנדיר מיט אַן אויטאָמאַט אין האַנט. אַזוי זענען זיי אָנגעקומען צו דער דריטער פּאָזיציע. אמסאלם האָט געוואָרפן א גראַנאַט און גלייכצייטיק „באַשפּריצט" די מצרים מיט א סעריע קוילן. פון דאַנען איז אמסאלם געלאָפן צו ווייטערדיקע פּאָזיציעס פון שונא, אָבער ער איז געווען נישט גענוג פאָרזיכטיק. א מצרישער זעלנער האָט אַרויסגעלאָזט צו אים א טויטלעכע סאַלווע. די קוילן האָבן דורכגעלעכערט זיין האַלדז און ברוסט. דער ישראלדיקער קעמפער, וואָס איז געלאָפן הינטער אים, האָט ליקווידירט דעם מצרי און געוואָרפן א פאָספאָר־גראַנאַט אויף א ווייטערדיקער פּאָזיציע. נאָך א האַלבער שעה פון פאַרבי־

סענעם קאַמף, ווען צענדליקער שונאים האָבן זיך געוואַלגערט אין זייער בלוט, איז חרת—דארדזש אָפּגערייניקט געוואָרן.

די ערשטע אָפּטיילונג פון גדוד, וועלכע האָט געליטן באַדייטנדע פאַרלוסטן, איז אַריבערגעפירט געוואָרן צום סוף פון דער קאָלאָנע. די צווייטע אָפּטיילונג איז אַוועק אין דער ריכטונג פון עלי־מונטר און א דריטע אָפּטיילונג האָט פאָרגעזעצט איר מאַרש אין דער ריכטונג פון חרת זיתון.

נאָך א נסיעה פון א קילאָמעטער, אויף א שאָסיי צווישן פּרדסים, איילבירט־ביימער און פלוימען־גערטנער, איז די אָפּטיילונג אָנגעקומען אַליין קיין חרת זיתון.

פון דער אַנדערער זייט שאָסיי איז געלעגן א באַפעסטיקטע מצרישע איינהייט, וועלכע האָט אָנגעהויבן שטאַרק באַשיסן די פאַראַשוטיסטן מיט מינעס און אַנטי־טאַנקען־קוילן. פון אַן איינזאַם הויז, וואָס איז געשטאַנען נעבן שאָסיי, האָבן מצרישע סנייפּערס געהאָגלט מיט קוילן.

די חיילים פון דער אָפּטיילונג האָבן געענטפערט מיט אַן אינסטינקטיוון פייער און עס האָט זיך אַנטוויקלט א קאַמף. דער קאָמאַנדיר פון דער איינהייט, נחמיה, איז געטראָפן געוואָרן פון א פיינטלעכער קויל און ער איז געפאַלן אויפן אָרט. אין גאַנג פון קעגנזייטיקן פייער־אויסטויש זענען פאַרוואונדעט געוואָרן ווייטערדיקע אָפּיצירן און חיילים. מיט איין מאָל האָט זיך דערהערט א געשריי פון סמל וויַיצמאַן, וועלכער האָט זיך געפונען אין פאָדערשטן פאַנצער־אויטאָ: „חברה, טאַנקען קומען”. און באמת, פון דער אַנדערער זייט וועג האָבן צו די ישראל־קעמפער זיך אָנגעהויבן לאָזן צוויי פיינטלעכע טאַנקען.

די פיר פאַנצער־אויטאָס פון דער אָפּטיילונג האָבן אָנגעהויבן פאָרן צוריק. די טאַנקען פון שונא האָבן געשאָסן און דער אויטאָ פון סגן טל איז דירעקט געטראָפן געוואָרן. די קעמפער האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושפרינגען פון ברענענדיקן אויטאָ. טל גופא איז געטראָפן געוואָרן אין האַנט און ער האָט איבערגעוויזן די אָנפירונג

צום סמל חיימוביץ. אויך די קעמפער פון אַנדערע פּאַנצער־אויטאָס זענען אַרויסגעשפּרונגען און זיך אויסגעלייגט אין גראָבן ביי דער זייט פון שאָסיי. די מצרים האָבן פאַרשטאַרקט זייער פייער און די טאַנקען האָבן זיך פאָרויסגערוקט, דראָענדיק צו פאַרניכטן די גאַנצע ישראל־אָפּטיילונג.

דאָס איז געווען א מאָמענט פון כמעט־פאַרצווייפלונג. די שפּאַנונג האָט דערגרייכט א הויך־פּונקט. טל האָט געגעבן א באַפעל, אַז מען זאָל זיך עטוואָס אויפהייבן און באַשיסן דעם שונא. די חיילים האָבן צוערשט זיך געוואַקלט, ווייל עס איז געווען קלאָר, אַז ווער עס וועט נאָר אויפהויבן דעם קאָפּ, וועט געטראָפן ווערן פון א פיינטלעכער קויל. און דאַן האָט טל זיך אויפגעהויבן אין זיין גאַנצער הויך און אָנגעהויבן שיסן. ער איז געטראָפן געוואָרן און איז דערנאָך געשטאָרבן פון זיינע ווונדן. די העלדישע טאַט פון טל האָט אָנגעשטעקט די חיילים. אַלע האָבן זיך געגעבן א הויב אויף און געעפנט א פייער אויף די טאַנקען. דער שונא האָט זיך צוריקגעצויגן און די אָפּטיילונג האָט זיך געקענט אויפסניי אָרגאַניזירן.

סמל חיימוביץ האָט דאַן געגעבן א באַפעל דורכצוברעכן דעם פלויט פון פּרדס. די אָפּטיילונג האָט זיך אויסגעלייגט הינטער די נידעריקע ביימער און אויף א קורצער צייט האָבן די חיילים זיך געקאָנט באַפרייען פון דער שרעק פאַר די טאַנקען, הגם אין דער זעלבער צייט זענען זיי באַשאָסן געוואָרן פון אַלע זייטן.

אַלע אָפיצירן זענען געלעגן געהרגעטע אָדער פאַרוווּנדעטע און דער סמל חיימוביץ איז פאַרבליבן דער איינציקער קאָמאַנדיר פון די קעמפער, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין פּרדס. דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט, אָבער די פינצטערניש האָט נישט פאַרשטאַרקט די זיכערקייט פון די קעמפער, וועלכע האָבן ממש נעבן זיך געהערט געשפּרעכן אין אַראַביש צווישן די מצרישע זעלנער און ציווילע פּערזאָנען, וועלכע זענען געגאַנגען צווישן די ביימער פון פּרדס.

די אחריות פאַרן גורל פון די קעמפער איז איצט געלעגן אויף די פּלייצעס פון א יונגן סמל. ער האָט שנעל אָרגאַניזירט די איינ־

הייט און דורכגעפירט אַ ציילונג פון די געזונטע און פאַרווונדעטע. די שווער־פאַרווונדעטע האָט ער באַשלאָסן איבערצולאָזן אין אַ באַהאַלטן ווינקל, אונטער דער אויפזיכט פון צוויי פאַראַשוטיסטן. מיט די געזונטע קעמפער האָט ער דורכגעפירט אַ גרויסע אַרומרינגלונג פון לינקס און איז אָנגעקומען צו איינער פון די פאַרצווייגונגען פון וואַדי אבו קטרן. פון דאָרטן איז ער אַוועק אויף רעכטס און איז אָנגעקומען אונטער אַ שטיינערנער בריק איבערן הויפּט־שאָסיי. די כוונה איז געווען אָנצוקומען צו די אייגענע פאַנצער־אויטאָס פון הינטן. דאָרטן האָבן זיך געפונען פאַרבינדונגס־מכשירים און חיימוביץ האָט געוואָלט דורך זיי בעטן פאַרשטאַרקונג. די פאַנצער־אויטאָס גופא, וועלכע זענען געטראָפן געוואָרן פון די מצרישע טאַנקען, זענען אַרויס פון געברויך.

אינצווישן האָבן די צוויי מצרישע טאַנקען זיך אויך פאָרויסגערוקט און זיי האָבן זיך געפונען 200 מעטער פון די ישראל־קעמפער. חיימוביץ דערציילט:

„די חיילים זענען געווען דערשטוינט, אָבער נישט איבערגעשראָקן. מען האָט געזען אויף זייערע פּנימער אַ פאַרביסנקייט און אַ פעסטן באַשלוס צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, און אויב דער גורל איז שוין אַזאַ, אַז זיי מוזן אומקומען, דאַרפן זיי טאָן דאָס זעלבע, וואָס שמשון הגיבור האָט געטאָן זיינער־צייט אין דער זעלבער שטאָט, אין עזה. „תמות נפשי עם פּלישתים...”

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין אויפגאַבע איז איצט דער עיקר אַריינדרינגען אין די זעלנער אַ געפיל פון זעלבסט־זיכערקייט. מען האָט געשאָסן אויף אונדז פון דריי ריכטונגען — פון צפון, מזרח און מערב. מיר זענען געווען אויסגעשטאַט בלויז מיט לייכטן געווער און מיט באַגרענעצטער אַמוניציע. דער רעש פון די קייטן פון די מצרישע טאַנקען האָט געקלונגען אין אונדזערע אויערן ווי דער זיכערער טראָט פון מלאך המוות.

די טאַנקען האָבן זיך דערנענטערט. הונדערט מעטער. אַכציק מעטער. פערציק מעטער. מיר האָבן געשאָסן אויף זיי פון לייכטן געווער, לויט דער ריי, שפּאָרנדיק אַמוניציע. פּלוצים איז איינער

פון די טאַנקען אַראָפּ פון שאָסיי און זיך א לאָז געטאָן צו אונדז,
אונטער דער בריק. צו אונדזער מזל האָט ער זיך אויסגעדרייט
א ביסל צו ווייניק און דער פייַנטלעכער טאַנק איז אַריין אין דער
שיס־שטרעקע פון אונדזערע ביקסן. צוויי חיילים, וואָס האָבן געהאַט
אַנטי־טאַנקען־ביקסן, זענען אַריין אין אַקציע. דאָס זענען געווען
זשאַק און איציק לוי. איך האָב זיי באַפוילן צו וואַרטן ביז דער
פייַנטלעכער טאַנק וועט צוקומען גאָר נאָענט, און דאַן האָבן איך
א געשריי געטאָן: „פייער"!

איציק לוי, פון דימונה, א געבוירענער אין מאַראָקאָ, דערציילט:

„איך האָב געזען דעם טאַנק דרייסיק מעטער פון זיך. איך האָב
אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זאַמד־בערגל און גלייך האָט זיך אויף
מיר אַראָפּגעלאָזט א שטאַרק פייער פון אויטאָמאַטן. איך האָב זיך
גוט געשראָקן. אויפהייבן דעם קאָפּ און אָנצילעווען די ביקס —
באַדייט טויט. דרייסיק מעטער פון דיר שטייט א טאַנק מיט שווערע
אויטאָמאַטן און האַרמאַטן. איין סאַלווע קאָן מיך צעטראָגן אויף
פּיצלעך, אַז מען זאָל נישט וויסן וווּ מיין געביין איז אַהינגעקומען,
און איך האָב געוואָלט לעבן. איך האָב איבערגעווינדט דעם פּחד
און געצילעוועט די ביקס צו די קייטן פון טאַנק. פּלוצים האָב איך
דערפילט א שטאַרקן שטאָך אין דער לינקער האַנט. איך בין פאַר־
וווּנדעט געוואָרן און ווידער האָבן איך זיך געוואַקלט. איך האָב
געטראַכט, אַז איצט וועט מען מיך אַראָפּנעמען א האַנט, אָבער
ווידער האָב איך געהערט אַן אינערלעכן באַפעל: איציק, ווייטער!
מיט דער רעכטער האַנט האָב איך פעסט אָנגענומען די ביקס און
א שאָס געטאָן. דער טאַנק איז געטראָפן געוואָרן. פון דער אַנדערער
זייט האָט אויפן זעלבן טאַנק געשאָסן זשאַק. די מצרישע שטאָלענע
חיה האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן פון זיך זיפצן און פון טורעמל
האָט גענומען זעצן א רויך. די פייַנטלעכע זעלנער האָבן אָנגעהויבן
אַרויסצושפּרינגען פון אינעווייניק, אָבער מיר האָבן זיי אויפן אָרט
ליקווידירט.

דער צווייטער טאַנק האָט זיך א לאָז געטאָן צוהילף דעם ערשטן,
אָבער אויך ער איז באַשאָסן געוואָרן פון אונדזערע אַנטי־טאַנקען־
ביקסן און איז אַנטלאָפן. מיר האָבן געוואָרפן א גראַנאַט אויפן

ערשטן טאַנק און ער האָט אָנגעהויבן ברענען מיט א שוואַרצן רויך, ווי עס וואָלט געברענט סמאָלע, מיט וועלכער מען באַדעקט דעכער און שאָסייען.

צומאָרגנס איז חרת—דארדזש אָפּגעריייניקט געוואָרן. די פאַר־ווונדעטע, וואָס זענען איבערגעלאָזט געוואָרן אין פּרדס זענען עוואַ־קואירט געוואָרן. דער עיקרדיקער ישראל־כוח האָט זיך א לאָז געטאָן פאַרנעמען די שטאָט עזה.

דערווייל האָט חיימוביץ מיט זיינע זעלנער דורכגעזוכט דעם שטח, כדי צו ליקווידירן נעסטן פון שונא, וואָס זענען דאָרטן נאָך פאַרבליבן. בעת איינעם אַזאַ פּאַטרול האָט ער אונטער א פאַרלאָ־זענעם מצרישן טאַנק געפונען זיבן באַוואָפנטע שונאים, וועלכע זענען געווען אויסגעשטאַט מיט רוסישע קאָמאַנדאָ־ביקסן „קאלאש־ניקאָוו" און מיט גראַנאַטן. זיי האָבן געוואַרט אויף א געלעגנהייט צו הרגענען ישראל־זעלנער און אַנטלויפן. אָבער די דאָזיקע געלע־גנהייט האָבן זיי שוין נישט געהאַט. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אַלע אויפן אָרט.

דער וועלט־רעקאָרד
פון רב־סרן יאַלו

דער 32־יאָריקער רב־סרן יאַלו, איז געווען אַ שם־דבר אין לופט־פלאָט. אין יעדן אָרט וווּ ער האָט זיך נאָר געפונען — איז געווען פריילעך. אויף מסיבות — איז ער געווען אַ מלך, און אויף צוזאַמענטרעפן מיט חברה — איז ער שטענדיק געווען אין צענטער.

יאַלו שפרודלט מיט לעבנס־פרייד און אָריגינעלן הומאָר, וואָס שטעקט אָן זיין גאַנצע סביבה.

דער דאָזיקער פליער געהערט צום דור, וואָס איז געפלויגן אויף די אַלטע עראָפּלאַנען פון טיפּ „מוסטאַנג" און „ספּיטפייער". אין דער סיני־אַקציע איז ער געפלויגן אויף אַ „מיסטער" און אַראָפּגעשאָסן צוויי פיינטלעכע „וואַמפּיירן" איבערן „מיטלה־דורכגאַנג". שפּעטער איז ער געווען אַן אינסטרוקטאָר אויף אַ פליער־קורס און איז דערנאָך אַריבער צו די מאָדערנערע „סופּערמיסטערס".

ס'איז געווען אַ צייט, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז יאַלו האָט פאַרענדיקט זיין קאַריערע אַלס קאַמפּס־פליער. ער איז קראַנק געוואָרן און דער חיל־האוויר האָט געטאָן אַלץ, כדי אים געזונט צו מאַכן.

— באמת — זאָגט ער — אין אויסלאַנד האָט מען מיר געגעבן גוטע פילן און איך האָב צוריקבאַקומען מיין קאַמפּס־פעאיקייט.

ער איז אַוועק אויף אַ קורס פון „מיראַזשן", האָט זיך פאַרנומען מיט לופט־אַקראָבאַטיק און איצט — האַלט ער אין האַנט דעם וועלט־רעקאָרד: זיין „סופּערמיסטער" האָט אין אַ קאַמף אַראָפּגעשאָסן אַ „מיג 21". ער דערציילט:

— איך מיין, אַז דאָס איז בכלל צום ערשטן מאָל אויף דער

וועלט, ווי ס׳איז פאָרגעקומען אַזאַ קאַמף. די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך, אַז „מיגן" זענען שנעלערע עראָפּלאַנען ווי די „סופּערמיס־טערס". די פרעמדע זשורנאַליסטן, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן נאָך דער מלחמה, האָבן צוערשט פּשוט נישט געוואָלט גלויבן. אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געהערט געוואָרן, אַז א „סופּער־מיסטער" זאָל אַראָפּשיסן א „מיג 21".

יאַלו, א שייגער און פעסטער מאַן, מיט אַן אָפענעם, ברייטן פּנים און העלע אויגן, דערציילט וועגן זיינע העלדן־טאַטן, און נעבן אים זיצן זיין פרוי כאַסיע מיט זייערע צוויי טעכטער. אויך זי שלינגט מיט ליבע זיינע דערציילונגען. אין די מלחמה־טעג איז זי געווען שטאַרק באַזאָרגט... איז געזעסן אין הויז פון זיינע עלטערן אין נס־ציונה און זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט.

— ביי אונדז איז שוין אַזוי — זאָגט ווייטער יאַלו. — יעדער פליער שטרעבט אַראָפּצושיסן אַן עראָפּלאַן אין דער לופטן. אַן עראָפּלאַן אויף דער ערד, איז ווי א שטילער גוף, וואָס קאָן נישט רעאַגירן. אין דער לופטן פאַרוואַנדלסטו אים אין א לעבעדיקער באַשעפעניש מיט א נשמה. ווי גרויס איז אָבער די באַפרידיקונג, ווען דו שיסט אַראָפּ א פיינטלעכן עראָפּלאַן אין באַדינגונגען, ווען ס׳זענען נישטאָ קיין שום אויסזיכטן אויף דעם. און דאָס טאַקע האָט פּאַסירט אין צוזאַמענטרעף צווישן די „מיגן" און סופּער־מיסטערס".

וואָס האָט אַלזאָ פּאַסירט?

— מיר זענען אַרויסגעפלויגן דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה, כדי אָנצוגרייפן אַן עראָדראָם פון „מיג 21", מיטן נאָמען סייקאַל. ער געפינט זיך הינטער די הרי־חושך אין צפון־מזרח סיריע. א פלי פון איבער 30 מינוט מיט זייער א שווערן פּילאָ־טאַזש. מיר זענען געפלויגן נידעריק און שנעל און ווען מיר זענען דאָרטן אָנגעקומען אין אַן עסקאַדרע פון 4 עראָפּלאַנען, זענען מיר איבעראַשט געוואָרן זעענדיק צוויי „מיגן" איבערן עראָדראָם. אונדזער אויפגאַבע איז געווען אָנצוגרייפן עראָפּלאַנען אויף דער ערד, אָבער מיר האָבן זיך גלייך צוגעפּאַסט צום נייעם מצב. איך

האָב געגעבן א באַפעל דעם נומער 4, אַז ער זאָל דערפירן דעם „מיג" צו א נישט־באַקוועמער לאַגע און דאַן האָב איך זיך צו אים דערנענטערט.

דער סירישער „מיג" איז געווען זייער אַגרעסיוו און ער האָט געוואָלט פאַר יעדן פרייז אַראָפּשיסן דעם נומער 4. אָבער ער האָט מיך דערזען און אָנגעהויבן דורכצופירן נערוועזע מאַנעווערס, וועלכע האָבן נאָכמער באַשווערט זיין מצב. ער האָט געשאָסן אין דער לופטן ווי א משוגענער. דאַן האָב איך זיך דערנענטערט צו אים אויף א מרחק פון 150 ביז 200 מעטער און אָפּגעגעבן דריי סאַלוועס. שוין די ערשטע סאַלווע האָט געטראָפן אין פליגל פון „מיג", וועלכער האָט אָנגעהויבן פאַלן ווי א שטיין צו דער ערד. דער פיינטלעכער פליער האָט געעפנט דעם פאַראַשוט אויף א הויך פון 150 מעטער איבער דער ערד, אָבער איך בין כמעט זיכער, אַז אויף אַזאַ הויך האָט דער פאַראַשוט זיך נישט געקאָנט עפענען. די גאַנצע אַקציע האָט געדויערט 3—5 מינוט.

אינצווישן האָבן איך באַקומען באַריכטן פון די נומערן 3 און 4. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיטן צווייטן „מיג". זיי האָבן אים געטראָפן, דער פליער האָט פאַרלוירן די שליטה איבערן עראָפּלאַן און ער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. אויך דאָס האָט נישט געדויערט לענגער ווי 5 מינוט. שפּעטער האָבן מיר באַשאָסן דעם עראָדראָם און געמאַכט א שייטער־הויפן פון נאָך א „מיג 21".

דער פלי צום סירישן עראָדראָם איז נישט געווען דער ערשטער, וואָס יאָלו האָט דורכגעפירט יענעם טאָג. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט שפּעט באַנאָכמיטאָג א מידער און דורכגעווייקט פון שווייס, האָט ער זיך עטוואָס אָפּגערוט און איז אַרויסגעפלויגן באָמבאַרדירן די האַרמאַטן אין שאַעפת, וועלכע האָבן באַשאָסן ירושלים. אָבער די שווערסטע שעה זיינע איז געווען דעם זעלבן טאָג, בעתן ערשטן אַרויספלי קיין אינשאַס, אין מצרים, ווו עס געפינט זיך אַן עראָדראָם, וואָס גרענעצט זיך מיטן פּאַלאַץ פון געוועזענעם קעניג פאַרוק.

— מיר האָבן דאָרטן באַקומען א מעכטיקן פייער פון אַנטי־

אַוויאַציע־אַרטילעריע — דערציילט יאַלו. — דער נומער 3 האָט אויפגעריסן נעבן מיר. איך האָב געכאַפּט א האַרמאַטן־קויל אין בויך פון עראָפּלאַן און איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל שוין נישט מצליח זיין זיך צוריקצוקערן אַהיים. אויף צוריקוועגס האָב איך ממש געשלעפּט דעם עראָפּלאַן. עס זענען געווען מאָמענטן, ווען איך האָב געזאָגט דעם נומער 2, אַז איך שפּרינג אַרויס פון עראָפּלאַן און אַז ער זאָל געדענקען דאָס אָרט. ווען די מצרישע עראָפּלאַנען וואָלטן מיך אָנגעגריפן, וואָלט איך גאָרנישט געקאָנט טאָן קעגן זיי. טראָץ אַלעמען — האָב איך מצליח געווען צו לאַנדן בשלום.

און ווי אַזוי האָט ער אויסגעהאַלטן דעם פיזישן אָנשטרענג? האָט ער דאָך דורכגעפירט אין איין טאָג דריי שווערע און געפער־לעכע אויפגאַבעס! אויף דעם ענטפערט יאַלו:

— איך בין נישט געשלאָפן 6 טעג און 6 נעכט, אָבער דער ווילן צו פליען און שלאָגן דעם שונא, האָט אַוועקגערוקט אָן א זייט די מידקייט. ערשט נאָך אַלעמען האָב איך די מידקייט דער־פילט. אויך די גרויסע באַדייטונג פון נצחון איז געקומען צום באַוווסטזיין ערשט דאַן, ווען אַלץ האָט זיך פאַרענדיקט. בעת די קאַמפן האָב איך און מיינע חברים נישט געפילט קיין פחד, צער אָדער שטוינונג... דאָס וואָס עס האָט אַרויסגערופן ביי אונדז גע־לעכטער, זענען געווען די מעשיות פון דער אויסלענדישער פּרעסע, אַז די ישראלדיקע פליער האָבן זיך באַנוצט מיט עפּעס א „וווּנדער־באָמבע”, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געטראָפן אַן עראָפּלאַן פון שונא. דאָ איז נישט געווען קיין שום „וווּנדער־געווער”. פּשוט — די וועלט ווייסט נישט ווי אַזוי אָפּצושאַצן דעם הויכן ניווא פון אונדזערע פליער און דעריבער זוכן זיי תירוצים...

אונטערן פייער פון אַ ירדנישער לויערונג

מאָנטיק דעם 5־טן יוני ביינאַכט, נאָך א לאַנגן און שווערן מאַרש אין ערשטן מלחמה־טאָג, איז א פאַנצער־בריגאַדע אַריבער די גרענעץ, כדי איינצוברעכן די ירדנישע פאָרטיידיקונגס־ליניעס לענגאויס דעם עמק דותן, זיך אַריינרייסן אין אַזוי־גערופענעם „אַראַבישן דרייעק" און נאָכדעם — זיך לאָזן אין דער דרום־מזרח־דיקער ריכטונג צו די בריקן דאמיה אויפן ירדן־טייך.

דאָס דאָרף אל־יאמון איז געפאַלן גלייך, אָן שום ווידערשטאַנד. דינסטיק פאַרטאָג איז א טאַנקען־איינהייט פון דער בריגאַדע אַריינגעדרונגען אין טאָל פון דותן און פאַרנומען די שטאָט דזשענין. ווען דער אָונט איז צוגעפאַלן, נאָכן דורכפירן מיט הצלחה אַלע אויפגאַבעס, האָט דער טאָל פאָרגעשטעלט מיט זיך א שוידערלעך בילד. דער גאַנצער שטח איז געווען פול מיט דערהרגעטע, פאַרוווּנדעטע און צעשמעטערטע טאַנקען.

הינטער אָט דער טרוקענער כראָניק באַהאַלטן זיך אָבער אויס בלוטיקע פאַסירונגען, וואָס די חיילים פון דער פאַנצער־בריגאַדע האָבן באַצייכנט מיטן נאָמען „דער שוואַרצער טאָג", הגם אָט דער טאָג האָט געבראַכט א גרויסן נצחון פאַר צה"ל.

אין א געוויסער פאַזע פון דער שלאַכט האָבן פופציק ירדנישע „פאַטאָן"־טאַנקען זיך א לאָז געטאָן פון א לויערונג אויף די ישראל־דיקע כוחות. און עס דערציילט סרן אברהם, איינער פון די קאָמאַנדירן פון א טאַנקען־אָפּטיילונג:

„מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרצוימען דעם וועג פאַר די 50 ירדנישע טאַנקען, מיט 15 טאַנקען, וואָס זענען געשטאַנען אין אונדזער רשות אויפן דאָזיקן אָפּשניט. מיר האָבן געוווסט, אַז אויב מיר וועלן זיי נישט אָפּשטויסן, וועלן זיי אין אַ האַלבער שעה אַרום אַרויפגיין אויף עפולה".

באַזונדערס האָט זיך אין דער דאָזיקער שלאַכט אויסגעצייכנט די פּלוגה ה׳, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן חבר פון קיבוץ גבעת חיים, יורם.

— מיין ביאָגראַפיע? — פרעגט יורם און גיט צו מיט א שמייכל: בבקשה. איך בין אַלט 24 יאָר מיט א סמיטשיק. איך בין געבוירן געוואָרן אין בלפוריה, איך האָב געלעבט אין קרית־חיים און אין כפר מונאַש. א וואָך פאַר דער מלחמה בין איך אָנגענומען געוואָרן ווי א חבר אין קיבוץ גבעת־חיים. איך לעב דאָרטן מיט מיין פרוי און אַרבעט אין די רויזן־אינספּעקטן. דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע באַשעפטיקונג, און א שפּאָגל־נייע באַשעפטיקונג אין ישראל בכלל. עס איז שווער צו טראַכטן איצט וועגן רויזן, ווען פאַר דיינע אויגן זענען פאַרשניטן געוואָרן מענטשלעכע לעבנס, אָבער וואָס זאָל מען טאָן. נישט מיר האָבן געוואָלט די מלחמה און נישט מיר האָבן זי אַרויסגערופן. איך בין געגאַנגען מלחמה־האַלטן, כדי איך זאָל קענען רואיק האָדעווען מיינע רויזן אין קיבוץ.

דאָס איז געווען א טאָג פון א בלוטיקן מיש־מאַש — דערציילט ווייטער יורם. — מיר האָבן געמאַכט א פּרווו אָנצוגרייפן דעם שונא, אָבער איידער וואָס ווען זענען מיר שוין געווען אַרומגערינגלט דורך אים. די ירדנער האָבן מצליח געווען מיט א לויערונג קעגן אונדז. די פּלוגה ה׳ איז אָנגעגריפן געוואָרן דורכן פייער פון שונא און 4 טאַנקען זענען געטראָפן געוואָרן. א טייל פון די מאַנשאַפטן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. און דאַן האָט מען מיך געשיקט מיט א גרופּע טאַנקען, כדי צו העלפן אונדזערע אָנגעגריפענע חברים.

— און וואָס ווייטער? — פרעגט מען אים.

יורם האַלט, אַז ער האָט בכלל נישט געטאָן יענעם טאָג עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווערט מען זאָל זיך צעשרייבן וועגן אים. בכלל איז דער דאָזיקער מאָגערער קיבוצניק, מיט די איינגעפאַלענע באַקן און אַרויסשטאַרטשענדיקע פּנים־ביינער, זייער א באַשיידענער מענטש. א וואָך צייט האָט ער זיך געפונען אין דער בריגאַדע מיט צעשפּאָלטענע און צעבראָכענע ריפּן, און מיט געוואַלד האָט מען אים געמוזט נעמען אין שפּיטאָל.

דעם זעלבן טאָג, ווען ער איז געשיקט געוואָרן צוהילף זײַנע אָנגעגריפענע חברים, איז זײַן טאַנק געטראָפן געוואָרן און ער איז געוואָרן א „פוסגייער". אינצווישן זענען אָנגעקומען די ערשטע פאַרווונדעטע און האָבן איבערגעגעבן וועגן די ירדנישע לויערונגען. אָבער זיי זענען געווען אַזוי צעטומלט, אַז מען האָט פון זיי נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען קיין גענויע אינפאָרמאַציע, ווו עס געפינט זיך דער שונא און ווו אונדזערע טאַנקען זענען אָנגעגריפן געוואָרן. דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר האָט דאַן באַפוילן יורמען אויפצוקלערן דעם מצב. און ער דערציילט:

— פון די צוויי פאַרווונדעטע, וואָס זענען געקומען, האָב איך גאָרנישט זיך געקענט דערוויסן. זיי האָבן נישט געוווּסט, ווו עס זענען אָנגעגריפן געוואָרן אונדזערע טאַנקען און ווו עס געפינט זיך דער שונא. זיי האָבן אויך נישט געוווּסט וויפל פאַרווונדעטע מיר האָבן. איך האָב דעריבער באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אַליין אין שטח. איך בין געפאָרן אין א דזשיפ מיט א שאָפער און מיטן פאַר־בינדונגס־חייל פון בריגאַדע־קאָמאַנדיר. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג, צי מיר פאָרן אין דער געהעריקער ריכטונג אָדער נישט, צי מיר וועלן נישט אַרײַנפאַלן אין פייער פון שונא, וואָס איז מעג־לעך פאַרשטעקט אויף די פאַרשיידענע בערג־שיפועים. צום סוף איז אונדז געלונגען אַרויפצופאָרן אויף א בערגל, פון וואַנען מען האָט געקאָנט אָבסערווירן דעם שטח. פונדערווייטנס האָב איך געזען אונדזערע פיר טאַנקען, צעהאַקטע פון שונאס אַרטילעריע. צוויי פון זיי האָבן געברענט. אין מיטן שטח איז געשטאַנען א הויז, ענלעך צו עפּעס א סקלאַד, און נעבן אים האָבן זיך אַרומגעדרייט צוויי פון אונדזערע פאַרווונדעטע. מיר האָבן זיך דערנענטערט צום הויז. די ירדנער האָבן אונדז באַמערקט און אָנגעהויבן צו שיסן אויף אונדז פון אַלע זייטן. איך האָב צוריקגעשיקט דעם דזשיפ און אַליין האָב איך אָנגעהויבן גיין צופוס אויפן אָפענעם שטח צום בנין. מען האָט געשאָסן אויף מיר פון אַלע זייטן און די קוילן האָבן ממש געפייפט איבער מײַן קאָפ און ביי די פיס, אָבער איך בין דער־גאַנגען בשלום. אין יענע מינוטן האָב איך בכלל נישט געהאַט קיין מורא, פונקט ווי די שיסערייי וואָלט מיר נישט אָנגעגאַנגען. מיטן שכל קען איך דאָס נישט אויפקלערן, אָבער אַזוי איז געווען. קיין איין קויל פון האָגל, וואָס האָט זיך געשאָטן אויף מיר, האָט מיך נישט געטראָפן.

נעבן הויז איז געשטאַנען א ירדנישער אויטאָ מיט אַמוניציע. דער אויטאָ האָט געברענט און שפּליטערס זענען געפלויגן פון אים אין אַלע זייטן. איך האָב אַריינגעפירט די פאַרוואונדעטע אינעווייניק, כדי זיי זאָלן נישט געטראָפן ווערן ווידער פון ברענענדיקן אויטאָ.

אינעווייניק האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַן אויפטרייסלענדיק בילד. דאָרטן זענען געזעסן דריי לייכט־פאַרוואונדעטע און דריי שווער־פאַרוואונדעטע. איינער פון זיי, גדי, איז געווען באַזונדערס שווער פאַרוואונדעט. איין האַנט איז געווען צעשמעטערט און א פוס ערנסט געטראָפן. ער איז אויך געווען פאַרוואונדעט אין ברוסט, אָבער טראָץ דעם האָט ער אַליין, מיט די לעצטע כוחות, אָרגאַניזירט די פאַרוואונדעטע, געהייסן ברענגען וואַסער פון געטראָפענעם טאַנק און זיי געוויזן ווי אַזוי מען דאַרף באַנדאַזשירן א ווונד. ער אַליין איז געקומען אין הויז קריכנדיק אויפן בויך פופציק מעטער פון זיין געטראָפענעם טאַנק.

אינצווישן האָט א פיינטלעכער אַנטי־טאַנקען־האַרמאַט אַרויס־געשאָסן א קויל צום הויז, און וועלכן מיר זענען געלעגן. די קויל האָט דורכגעהאַקט א וואַנט, איז אַריבערגעפלויגן איבער אונדזערע קעפּ און איז אַרויס דורך דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. איך האָב זיך גערעכנט מיט דעם, אַז די ירדנער וועלן שיסן אויף אונדז און דעריבער האָב איך די פאַרוואונדעטע אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע. איך אַליין האָב נישט באַוויזן זיך אַוועקצולייגן, ווען די האַרמאַטן־קויל איז געפלויגן איבער מיין קאָפּ, אָבער עס שיינט, אַז די קוילן האָבן מורא פאַר מיר... און אויך דאָסמאָל בין איך אַרויס גאַנץ.

איך האָב איבערגעבאַנדאַזשירט די פאַרוואונדעטע, זיי אָנגעטרונקען מיט וואַסער און אַרויס אין דרויסן אונטערזוכן די טאַנקען, צי עס געפינען זיך דאָרטן נישט נאָך קיין פאַרוואונדעטע. אַלע טאַנקען זענען געווען ליידיק, אָבער אין איינעם האָב איך געפונען א דערהרגעטן. דאָס איז געווען א בחור, וואָס איך האָב געקענט פּערזענלעך. איך בין געבליבן שטיין א דערשיטערטער און טרערן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פון מיינע אויגן. אָבער לאַנג האָב איך דאָרטן נישט געקענט שטיין. אויף מיר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן

אַ קאַמפּס־אויפגאַבע און איך בין ווייטער געגאַנגען זי רעאַליזירן.

אויף אַ דערבייאיקן בערגל האָט געוואַרט דער דזשיפּ, מיט וועלכן איך בין געקומען, ווי אויך אַ פּאַנצער־אויטאָ אָפּצופירן די פאַרוווּנדעטע. אין אויטאָ האָט זיך אויך געפונען אַ קליינע גרופּע, וואָס האָט געדאַרפט העלפן אין דער רעטונגס־אַקציע. איך בין אַהין אַוועק צופוס און דורכן פאַרבינדונגס־מכשיר האָב איך געבעטן דעם בריגאַדע־קאָמאַנדיר ער זאָל שיסן אין אונדזער ריכטונג מיט רויך־קוילן, כדי די ירדנער זאָלן נישט זען ווי מיר פירן אַרויס די פאַרוווּנדעטע. דער קאָמאַנדיר האָט מיר געענטפערט, אַז ער וועט מיר געבן אַ „דעקונג" פון עראָפּלאַנען. איך האָב זיך געפרייט און געענטפערט, אַז איך וועל געבן אַ צייכן מיטן אָנהייב פון דער רעטונגס־אַקציע.

אינצווישן האָבן די 50 ירדנישע טאַנקען אָנגעהויבן זיך רירן אין דער ריכטונג פון דער בריגאַדע און די עראָפּלאַנען, וואָס האָבן געזאָלט קומען מיר צוהילף, האָבן קודם־כל געמוזט אָנגרייפן די טאַנקען פון שונא. איך האָב געמאָלדן דעם קאָמאַנדיר, אַז איך פיר אַרויס די פאַרוווּנדעטע נישט וואַרטנדיק מער ווייל די ירדנער קענען אויך אונדז אָנגרייפן און דער קאָמאַנדיר האָט מיר געענטפערט: „מיט הצלחה".

מיר זענען אַרויף אויפן פּאַנצער־אויטאָ, אויסלייגנדיק אויף אים פריער די פאַרוווּנדעטע, און זיך גערירט פון אָרט. אָבער די ירדנער האָבן אונדז צוגעגרייט אַן איבעראַשונג: די גאַנצע צייט האָבן זיי געוואַרט רואיק און געדולדיק, און אין מאָמענט ווען דער אויטאָ האָט גערירט פון אָרט, האָבן זיי אויסגעשאָסן אויף אים אַ קויל פון אַן אַנטי־טאַנק־האַרמאַט.

די קויל האָט געטראָפן אין פראָנט פון אויטאָ. איך בין אַרויסגעפלויגן פון אויטאָ ווי אַ שטיין. ווי ווייט? נישט קיין סך, בלויז אויף אַ מרחק פון עטלעכע מעטער! דאָס איז געווען שרעקלעך! איך בין געווען שטאַרק איבערגעשראָקן, אָבער צי איז דען געווען דאַן צייט אויף שרעק? דער פּאַנצער־אויטאָ האָט תיכף אָנגעהויבן ברענען און איך בין צוגעלאָפן אַרויסנעמען פון אים די פאַרוווּנ־

דעטע. אַלע פאַרוואונדעטע זענען אַרויסגענומען געוואָרן, חוץ איינער: דער שאָפער, וועלכער איז געטראָפן געוואָרן דירעקט און ער איז אַריינגעפלויגן אין פאַנצער־אויטאָ. דער לופט־דרוק האָט צוגעשמידט זיין קערפער צו דער לופע פון אויטאָמאַט, וואָס געפינט זיך אין מיטן אויטאָ. דער אויטאָ האָט געברענט, דער בענזין האָט געברענט, די אמוניציע האָט אָנגעהויבן אויפרייסן. מיט אַלע אונדזערע כוחות האָבן מיר זיך באַמיט אַרויסצונעמען דעם אומגליקלעכן. מיר האָבן זיך אָפגעבריט די פינגער און אָפגעסמאַליעט די האָר, אָבער אַלע אונדזערע באַמיאונגען זענען געבליבן אָן דערפאָלג. דער שאָפער איז פאַרברענט געוואָרן אויף אונדזערע אויגן און מיר זענען געווען מאַכטלאָז אים אָפצוראַטעווען.

דער פאַנצער־אויטאָ איז געווען פאַרלוירן און מיר האָבן געמוזט אָנהייבן אַלץ פונדאָסניי. מיר האָבן ווידער אַריינגעפירט די פאַרוואונדעטע אין הויז. נאָכדעם ווי אונדזערע עראָפלאַנען האָבן אינטערווענירט און פאַרניכטעט דעם שונא, זענען די פאַרוואונדעטע עוואַקואירט געוואָרן. און אַזוי האָט זיך, פאַקטיש, פאַרענדיקט די אויפגאַבע.

יורם פאַרענדיקט זיין דערציילונג און ווען מען זאָגט אים, אַז זיינע חברים האַלטן אים פאַר אַ העלד, פשוטו כמשמעו, שמייכלט ער באַשיידן און רעדט נישט וועגן דעם קיין וואָרט. ער איז אָבער יאָ גרייט צו דערציילן וועגן זיינע געפילן און איבערלעבונגען.

— די גאַנצע צייט, ווען איך האָב זיך פאַרנומען מיט אַרויסראַטעווען די פאַרוואונדעטע, האָב איך נישט געטראַכט וועגן קיין שום זאַך — זאָגט יורם. — איך האָב נישט געטראַכט, אַז איך קען פאַרוואונדעט ווערן, איך האָב נישט געטראַכט, אז איך קאָן דערהרגעט ווערן, איך האָב נישט געטראַכט, אַז איך געפין זיך אין דער גרעסטער סכנה. נאָר ווען די קויל האָט געטראָפן אין פאַנצער־אויטאָ האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן. אָבער שפּעטער, ווען די פאַרוואונדעטע זענען שוין געווען אַרויסגעראַטעוועט, האָב איך דערפילט, אז די כוחות גייען מיר אויס... דאָס בילד פון פאַרברענטן שאָפער האָט מיך נאָכגעיאָגט... איך האָב געבעטן פון בריגאַדע־קאָמאַנדיר א טראָפן רו... איך האָב פשוט נישט געקאָנט אָנפירן מיט דער אָפטיילונג אין אַזאַ מצב...

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז ווען יורם האָט זיך עטוואָס אָפּגעדרוט, האָט ער דערפילט שטאַרקע ווייטיקן אין זייט. א וואָך צייט האָט ער זיך אַרומגעדרייט מיט די ווייטיקן און ער איז אַוועק אין שפּיטאָל, וווּ מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז בעת ער איז אַרויסגעפאַלן פון פאַנצער־אויטאָ האָט ער צעבראָכן א ריפּ, און צוויי אַנדערע זענען געווען צעשפּאָלטן.

פאַרוואָס איז ער אַוועק אין שפּיטאָל ערשט א וואָך שפּעטער? פּשוט! ער האָט זיך געשעמט צו גיין נאָכדעם, ווי ער האָט געזען מענטשן מיט אָפּגעהאַקטע הענט און פיס. חוץ דעם האָט ער געוווּסט, אַז די שפּיטאָלן זענען איבערפולט און אויף אַזאַ „קלייניקייט" ווי אייניקע צעהאַקטע ריפּן, לוינט זיך נישט צו פאַרלירן צייט, וואָס איז אַזוי טייער אין דער מלחמה...

„נישט גלויבן קיין לעבעדיקן אַראַבער”

— בחורים! דאָס איז איינער פון די גרעסטע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. אונדזער ציל איז, ירושלים. די גאַנצע און באַפרייטע שטאָט. כדי צו רעאַליזירן אָט דעם בכבודיקן ציל זענט איר אויסגעקליבן געוואָרן. איר זאָלט וויסן, אַז דער קאַמף וועט זיין א בלוטיקער. די לעגיאָנערן זענען באַקאַנט ווי מוטיקע זעלנער. זיי וועלן נישט מוותר זיין. חוץ דעם זענען זיי אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן און זיי האָבן נישט קיין צוריקטריט. עס איז אָנצונעמען, אַז זיי וועלן קעמפן ביזן לעצטן טראָפן בלוט. דעריבער זאָלט איר זיך היטן און ריכטיק באַנוצן אייער געווער. און דער עיקר — איר זאָלט נישט גלויבן קיין לעבעדיקן אַראַבער.

אַזוי האָט גערעדט דער קאָמאַנדיר פון גדוד צו זיינע אונטער־געאָרדנטע אָפיצירן, וועלכע האָבן געדאַרפט פירן די חיילים צום קאַמף פאַר ירושלים.

די ירדנער האָבן פאַרוואַנדלט די ירושלימער אַלטשטאָט אין א פעסטונג, אַרומגערינגלט מיט א גאַנצן סיסטעם פון טיף־איינגע־גראָבענע פאָזיציעס און בונקערס, ביז צוויי און דריי שטאָק אין דער טיף, וואָס בלויז שיס־פענצטערלעך זעט מען איבער זיי. איינע פון די באַפעסטיקטסטע פאָזיציעס האָט זיך געפונען אין דער פאָ־ליציי־שול — א גרויסער, דריי־שטאָקיקער שטיינערנער בנין, מיט א סך קליינע בנינים הינטער אים. דעם אָנגריף אויף דער פאָליציי־שול האָט געדאַרפט דורכפירן די אָפטיילונג פון סגן אין רעזערוו — מאיר.

דער דאָזיקער הויך־געוואַקסענער יונגערמאַן זאָגט אויף זיך, אַז די חברה רופט אים „קראָקאָדיל”, אָבער ער דערקלערט, אַז טראָץ דעם וואָס ער איז הויך און דיק, האָט ער א האַרץ פון א פייגעלע און איז אפילו נישט מסוגל צו דערהרגענען א פליג.

זיין לעבנס־געשיכטע איז א קורצע. ער איז געבוירן געוואָרן

אין תל־אביב, זיך דערצויגן ביי די צופים, האָט פאַרענדיקט דעם בית־הספר תיכון ד׳, האָט געדינט אין נח״ל און אין רעזערוו איז ער א סגן אין א פּאַראַשוטיסטן־איינהייט. ער לערנט אין תל־אביבער אוניווערסיטעט ווירטשאַפט און סטאַטיסטיק. אין קאַמף פאַר ירושלים האָט ער געדאַרפט פירן זיינע מענטשן צום שטורעם אויף דער פּאָליציי־שול.

דער צוגאַנג צו די דאָזיקע בנינים איז געווען אויסערסט שווער. חוץ דעם, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אויף א הויכן בערגל און די שוץ־גראָבנס אַרום זענען געווען באַפעסטיקט מיט בעטאָן, האָבן זיך נאָך געפונען פאַר זיי דריי פאַרצוימונגען פון דאָפּלטן שטעכל־דראָט, וואָס צווישן יעדן פון זיי האָבן זיך אויסגעשפּרייט פעלדער פון מינעס קעגן אויטאָס און מענטשן.

סגן מאיר האָט צעטיילט זיין אָפּטיילונג אויף קליינע גרופּן, וואָס האָבן געזאָלט אויפרייסן די פאַרצוימונגען פון שטעכל־דראָט. די כוונה איז געווען, אַז ווען די ערשטע פאַרצוימונג וועט אויפגעריסן ווערן, זאָל די צווייטע גרופּע זיך לאָזן צו דער צווייטער פאַרצוימונג און שפּעטער זאָל אויפגעריסן ווערן די דריטע פאַרצוימונג, וואָס האָט אָפּגעטיילט די חיילים פון די פיינטלעכע בונקערס. סגן מאיר דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען און מען זעט ווי א באַהאַלטענער טרויער פאַרנעפּלט עטוואָס זיינע אויגן...

— מיר, פּאַראַשוטיסטן, זענען געווויינט צו קעמפן ביינאַכט. די גאַנצע מיליטערישע אויסשולונג אונדזערע איז געפירט געוואָרן אַזוי, אַז זי זאָל זיין צוגעפּאַסט צו נאַכט־קאַמפן. אָבער יענע נאַכט, ווען מיר האָבן געדאַרפט שטורעמען די פּאָליציי־שול, איז שווער אָנצורופן „נאַכט״. דער טונקעלער הימל פון ירושלים איז געווען אינגאַנצן באַלויכטן פונעם פייער פון די אַרטילעריע־קוילן. ליכט־באָמבעס האָבן אויפגעריסן אין שטח און פאָספאָר־קוילן האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך סנאָפּעס פון ליכט. פון דער ישראל־זייט האָבן ריזיקע רעפלעקטאָרן באַלויכטן די ירדנישע פּאָזיציעס.

גלייך ווי איך האָב באַקומען דעם באַפעל בין איך אַרויס אין שטח, בראש פון מיין אָפּטיילונג. צוליב דעם פעלדזיקן באָדן און צוליב דער גרויסער צאָל אַמוניציע און אויפרייס־מאַטעריאַלן, וואָס

מיר האָבן געטראָגן מיט זיך, האָבן מיר זיך פאַרויסגערוקט זייער לאַנגזאַם. פּלוצים איז די שטילקייט צעריסן געוואָרן דורך א גרויליקן פייף: אַן ערך 100 מעטער פון אונדז האָט אויפגעריסן א קויל פון א מינען־וואַרפער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די ירדנער האָבן אונדז אַנטדעקט און איך האָב געטראַכט, אַז באַלד וועט זיך אָנהויבן די אמתע „חתונה”.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אַזייגער 10 ביינאַכט, ווען מיר זענען שוין אַוועק מער ווי א קילאָמעטער פון אויסגאַנגס־פּונקט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדז א האָגל פון קוילן. עס זענען געפאַלן פאַרוואונדעטע, וועלכע זענען שנעל עוואַקואירט געוואָרן פון אָרט. איך האָב זיך דערנענטערט צו דער ערשטער פאַרצוימונג און געפינענדיק זיך 80 מעטער פון איר, האָב איך געשיקט אַהין די ערשטע גרופּע אויפצורייסן דאָס שטעכל־דראָט. די גרופּע האָט זיך שנעל א לאָז געטאָן פאָרויס, אָבער געפינענדיק זיך דרייסיק מעטער פון ציל, איז זי פון אַלע זייטן באַשאָסן געוואָרן דורך די לעגיאָנערן. דאָס פייער פון שונא האָט זיי אָבער נישט איינגעהאַלטן און לויפנדיק פאָרויס מיט אַלע כוחות זענען זיי צוגעקומען צום ציל און דאָרטן אונטערגעלייגט אויפרייס־מאַטעריאַל. דאַן זענען זיי צוריקגעלאָפן, שלעפּנדיק מיט זיך איינעם פון זייערע פאַרוואונדעטע חברים, און אין געציילטע סעקונדעס שפּעטער האָט זיך דערהערט א מעכטיקער אויפרייס.

נישט וואַרטנדיק לאַנג האָב איך א געשריי געטאָן צו דער צווייטער גרופּע: פאָרויס! גלייכצייטיק האָב איך באַפוילן צו עפּענען א פייער פון אַלע זייטן, כדי צו „דעקן” די גרופּע, וואָס איז געלאָפן אין א ווילדן גייעג אויפצורייסן די צווייטע פאַרצוימונג. איידער אָבער זי איז אָנגעקומען צום ציל, איז די גרופּע שטאַרק באַשאָסן געוואָרן דורכן שונא. איינער פון די חיילים איז אַרויף אויף אַ מינע און צוזאַמען מיט אים האָבן זיך איינגעבראָכן אין אָפּענעם שטח נאָך דריי חיילים. איך האָב באַפוילן דעם סמל פון דער אָפּטיילונג ראובן, ער זאָל מיט זיבן חיילים מאַכן אַלע באַמיאונגען אַרויסצונעמען די פאַרוואונדעטע פון שטח. אונטער א האָגל פון פייַנטלעכע קוילן, אויף א פעלד פול מיט מינעס, האָט ראובן מיט זיינע מענטשן זיך א לאָז געטאָן, כדי צו ראַטעווען די פאַרוואונדעטע, אויף וועלכע די ירדנער האָבן נישט אויפגעהערט צו שיסן.

בנס זענען די חיילים אָנגעקומען צום אָרט און אויף די פּלייצעס אַרויסגעטראָגן זייערע פֿאַרוווּנדעטע חברים.
אינצווישן האָב איך דערהאַלטן אַ באַפֿעל פֿון קאָמאַנדיר פֿון גדוד: „וואַרט נישט ביז די דריטע פֿאַרצוימונג וועט אויפֿגעריסן ווערן. מיטן גאַנצן כּוח פֿאָרויס!“
איך האָב אויפֿגעהויבן מײַן אָפּטיילונג און אָנגעהויבן דעם שטורעם דורכן דורכברוך פֿון דער ערשטער פֿאַרצוימונג. האַרמאַטן־קוילן, מינעס און קוילן פֿון אויטאָמאַטן האָבן זיך געשאָטן פֿון אַלע זײַטן. מער ווי אויף א מרחק פֿון איין מעטער האָבן מיר גאָרנישט געזען. אונדזערע קאַמפֿס־אויסרופֿן האָבן זיך צונויפֿגעמישט מיט די וויי־געשרייען: „איך בין פֿאַרוווּנדעט!“

מיר זענען צוגעלאָפֿן צו דער צווייטער פֿאַרצוימונג, וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן אויפֿצורײַסן. איינער פֿון מײַנע פּאַראַשוטיסטן, שמעון, האָט זיך אויסגעצויגן איבערן שטעכל־דראָט און די חיילים זענען געלאָפֿן איבער אים ווי איבער א בריק. אַזוי אַרום זענען מיר אָנגעקומען צו דער דריטער פֿאַרצוימונג. מינעס האָבן אויפֿגעריסן און אָפּגעשניטן אברים פֿון לעבעדיקע קערפּערס, אָבער מיר זענען שוין געווען געגליכן צו א מעכטיקער פּרעס־מאַשין, וואָס מען קען נישט אָפּהאַלטן איר פֿאָרויסמאַרש. מיר האָבן פֿאַרלוירן דאָס געפֿיל פֿון שרעק און סכּנה פֿאַרן לעבן. די געשרייען פֿון די פֿאַרוווּנדעטע האָבן נאָך מער פֿאַרשטאַרקט אונדזער מוט און דעם ווילן צו דער־גרייכן דאָס, וואָס זיי האָבן נישט זוכה געווען.

איך ווייס נישט ווי אַזוי אייניקע פֿון אונדז האָבן מצליח געווען צו דערגיין ביז די פֿײַנטלעכע בונקערס, נישט ווערנדיק דערהרגעט אָדער פֿאַרוווּנדעט. דאָס פֿײַער פֿון די ירדנער איז געווען שוידערלעך און די לעגיאָנערן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פֿאַרעקשנטע קעמ־פֿער. א סך פֿון זיי זענען נישט אַנטלאָפֿן, נאָר פֿאַרבליבן אויף זייערע ערטער ביז צום ביטערן סוף.

דאָס איז שוין נישט געווען קיין קאַמף מיט קלאָרע ליניעס, נאָר איין גרויסער בלוטיקער שניט. נישט איינהייטן און אָפּטיילונגען האָבן זיך דורכגעבראָכן א וועג פֿאָרויס אין דאָזיקן גיהינום, נאָר יעדער איינער פּאַראַשוטיסט האָט געקעמפֿט אַזוי ווי ער וואָלט זיך געפֿונען אַליין אויפֿן שלאַכט־פֿעלד.

די בלוטיקע שלאַכט האָט געדויערט איבער פיר שעה צייט. איך בין פאַרבליבן בלויז מיט 5 קאַמפּס־פעאיקע חיילים און מיט צוויי פאַרוואונדעטע. מיר האָבן אָנגעפילט די פּאַטראָן־טאַשן און צוגעגרייט די גראַנאַטן, רוקנדיק זיך פאָרויס צו דער פּאָליציי־שול. אויף א מרחק פון 60 מעטער פון איינעם פון די בנינים האָט זיך פּלוצים געעפנט די פראָנט־טיר, און פון אינעווייניק זענען אַרויס דריי לעגיאָנערן מיט די הענט אין דער הויך. זיי האָבן געמאַכט צייכנס, אַז זיי ווילן זיך אונטערגעבן און מיר האָבן צו זיי געמאַכט באַוועגונגען, אַז זיי זאָלן וואַרפן דאָס געווער. די לעגיאָנערן האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ אַלס צייכן, אַז זיי זענען נישט באַוואָפנט און דאַן האָבן מיר לאַנגזאַם זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו זיי. געפינענדיק זיך 20 מעטער פון זיי האָבן די לעגיאָנערן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, אָבער פּלוצים זענען פון שטוב אַרויסגעלאָפן צוויי אַנדערע ירדנער און אָנגעהויבן שיסן אויף אונדז. צוויי פאַראַשוטיסטן, וואָס זענען געשטאַנען נעבן מיר, זענען געטראָפן געוואָרן און געפאַלן אויפן אָרט. מיר האָבן צוריקגעענטפערט מיט פייער און זיי אַלעמען ליקווידירט. און דאַן האָב איך זיך דערמאָנט די רייד פון קאָמאַנדיר, וועלכער האָט געזאָגט: „זאָלסט נישט גלויבן קיין לעבעדיקן אַראַבער".

די פּאָליציי־שול איז געפאַלן. עס זענען געפאַלן אַלע אַנדערע פיינטלעכע פּאָזיציעס. ירושלים איז באַפרייט געוואָרן. איך מוז צוגעבן, אַז איך בין נישט קיין רעליגיעזער מענטש, איך היט אפילו נישט אָפּ שטאַרק די יידישע טראַדיציע. אָבער ווען איך האָב געזען די גרויסע מגושמדיקע שטיינער, וואָס פאַר זייער באַפרייאונג זענען מיט אייניקע שעה פריער געפאַלן מיינע בעסטע חברים — זענען טרערן גערונען פון מיינע אויגן. די קדושה פון אָרט, די ריזיקע וואַנט, וואָס טראָגט אין זיך די געשיכטע פון א קליין און מוטיק פאָלק, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר ווי דורך א חלום און איך האָב זיך אַליין געפרעגט: פאַרוואָס לעב איך? פאַרוואָס האָב איך זוכה געווען מער ווי אַנדערע?

א טאָג נאָכן באַפרייען ירושלים האָב איך זיך צוריקגעקערט אין דער אַלטשטאָט. איך בין דורכגעגאַנגען נאָך אַמאָל אַלע פאַרברענטע און פאַרויכערטע ערטער, וווּ מיר האָבן געקעמפט און וווּ עס זענען געפאַלן אונדזערע בעסטע חיילים, און אין מיין האַרצן איז אויפגעקומען די האָפענונג, אַז דאָס וועט שוין זיין די לעצטע מלחמה.

די העלדן, וואָס האָבן איינגעבראָכן

כאַן־יוניס

כאַן־יוניס איז א גרויסע אַראַבישע שטאָט אין עזה־פּאַס. דאָרטן האָט זיך געפונען דער שטאַב פון די מצרישע קאָמאַנדאָ־איינהייטן און פון די פּאַלעסטינער „פידאַיונס". זי איז איינגענומען געוואָרן אין א שווערן קאַמף פּנים אל פּנים. פאַר א סך פון די צה"ל־חיילים איז די אכזריותדיקע מלחמה פאַר כאַן־יוניס געווען די ערשטע בלוטיקע פייער־טבילה.

סרן אלחנן (אלחה) [redacted] איז איינער פון די העלדן פון כאַן־יוניס. ער דערציילט באַשיידן, כמעט שעמעוודיקערהייט, וואָס ער און זיינע מענטשן האָבן איבערגעלעבט. א סך מאָל האָט ער געזען דעם טויט פאַר די אויגן און מורא געהאַט, אז ער וועט שוין מער נישט זען זיין פרוי עדינה און זיין אַנדערהאַלבן יאָריק מיידעלע לילך.

אלחה איז געבוירן געוואָרן מיט 31 יאָר צוריק אין תל־אביב. נאָכן פאַרענדיקן די לימודים האָט ער געדינט ביז 1960 אין צה"ל. סוף 1960 האָט ער זיך באַזעצט אין קיבוץ שדות־ים, נעבן קיסריה, ווו ער איז געווען א מיטגליד ביז 1962.

דאָס זעלבע יאָר, זייענדיק שוין א סגן אין רעזערוו, איז ער גערופן געוואָרן אויף א קורס פון מפקדי פלוגות (קאָמאַנדירן פון א קאָמפּאַניע). נאָכן פאַרענדיקן דעם קורס, אַלס סרן אין רעזערוו, איז ער אַרויס אין שליחות פון צה"ל קיין אויסלאַנד. סוף 1963 האָט ער זיך צוריקגעקערט און זיך באַזעצט אין תל־אביב, ווו ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער פאַרקויף־אָפּטיילונג פון „אמפא". אָנהויב 1965 האָט ער חתונה געהאַט.

אָט די קורצע ביאָגראַפיע, זייער א פּראָזאַישע, צייכנט זיך נישט אויס מיט קיין שום אויסערגעוויינלעכער געשעעניש. פאַקטיש איז אלחה ווי אלע סאברעס — א יונגערמאַן פון א דורכשניטלעכער הויך, א ביסל נאָכלעסיק אָנגעטאָן, רעדט קורץ אָבער צו דער זאַך,

דאַקעגן אין קאַמף האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אז סרן אלחנן האָט איינגעבוירענע שטריכן פון אן אָפיציר־אָנפירער און אין די אכ־זריותדיקע שלאַכטן ביים פאַרנעמען כאַן־יוניס האָט ער אַלס קאָ־מאַנדיר פון פלוגה א׳ ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכן מוט און איינפאַלערישקייט.

מאָנטיק, דעם 5־טן יוני אינדערפרי, אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה, האָט די פלוגה דערזען ווי די ישראלדיקע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן פיינטלעכע צילן אין ראַיאָן פון עזה־פּאַס און אויף דער סיני־גרענעץ. אייניקע שעה שפּעטער האָט די אָפּטיילונג אָנגעהויבן זיך צו רירן פון אָרט, אין די ראַמען פון דער גאַנצער בריגאַדע.

די פלוגה א׳, דער עיקרדיקער דורכברוך־כוח פון דער בריגאַדע, האָט געדאַרפט באַהערשן דעם וועג־קנופּ כאַן־יוניס—עזה און פאַר־נעמען מיט שטורעם די אָרטיקע שול, וואָס האָט געהייסן חיפה, די צווייטע שול, וואָס האָט געהייסן כאַן־יוניס, די פּאָליציי־סטאַציע און די באַן־סטאַציע. נישט קיין לייכטע, אָבער זייער בכבודיקע אויפ־גאַבע, פאַר אן אָפּטיילונג פון בלויז 100 חיילים מיט א טאַנקען־איינהייט. אָט די אלע רעזערוויסטן האָבן געדאַרפט זיך באַוועגן 10 קילאָמעטער אויף א שטח, וואָס איז באַשאָסן געוואָרן דורך אַרטי־לעריע, מינען־וואַרפערס און סנייפּערס.

אזייגער 2 נאָכמיטאָג איז די פלוגה א׳ אָנגעקומען צום וועג־קנופּ כאַן־יוניס—עזה. בראש, פאַרשטייט זיך, איז געפאָרן דער פאַנצער־אויטאָ פון אלחה און נאָך אים, די טאַנקען.

די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. די פלוגה א׳ האָט זיך א לאָז געטאָן פאָרויס מיט צוויי טאַנקען און דריי פאַנצער־אויטאָס. דער פערטער פאַנצער־אויטאָ איז געבליבן שטעקן א געטראָפענער. אלחה און זיינע מענטשן זענען שוין אויפן וועג־קנופּ. ער באַקומט א באַפעל צו גיין ווייטער. די אָפּטיילונג לאָזט זיך צו דער פּאָליציי־סטאַציע און צו די צוויי שולן.

דער שונא שיסט פון אַלע זייטן, קוילן שיטן זיך ווי א האָגל פון די פענצטער פון די הייזער, אָבער דאָס קען נישט אָפּשטעלן

דעם אַנגריף. אלחה מעלדעט דעם קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע: „דער פּאָליציי־בנין און די צוויי שולן זענען אין אונדזערע הענט. די געביידעס זענען אָפּגערייניקט געוואָרן פון פיינטלעכע זעלנער".

— דאָס איז בלויז געווען א „פאָרשפּייז" — שילדערט אלחה די אויבנדערמאַנטע בליץ־אַקציע.

אלחה באַקומט א באַפעל צו פאַרנעמען די באַן־סטאַציע. ער לאָזט זיך צום ציל מיט צוויי טאַנקען און צוויי פּאַנצער־אויטאָס. דער קאַמף איז געווען א קורצער, אָן פאַרווונדעטע. און די באַן־סטאַציע געפינט זיך שוין אויך אין אונדזערע הענט. איצט קומט די ריי אויף כאַן־יוניס גופא. ביז איצט איז דער קאַמף פאָרגעקומען בלויז אויף די פעריפעריעס פון דער שטאָט.

סרן אלחנן [redacted] איז ווידער בראש. ער און זיינע מענטשן רוקן זיך פאָרויס אויף דער הויפּט־גאַס פון שטאָט, אָבער וואָס מער די חיילים דערנענטערן זיך צום צענטער פון כאַן־יוניס, אַלץ מער ווערט שטאַרקער דאָס פייער פון שונא. מען שיסט אויף זיי פון יעדן ווינקל, פון יעדן פענצטער, פון יעדן דאַך און פון באַפעסטיקטע פּאָזיציעס. ס'איז 4 אַזייגער נאָכמיטאָג. די זון ברענט און פאַרבלענדט די אויגן פון די צה"ל־קעמפער, אָבער זיי רוקן זיך פאָרויס און דער צענטער פון שטאָט איז שוין כמעט אין זייערע הענט. דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע באַשליסט אָבער צוריקציען עטוואָס די אָפּטיילונג, כדי צו פאַרמיידן איבעריקע קרבנות.

און דאַן באַקומט מען א ידיעה, אַז די כוחות פון שונא געפינען זיך אין די שוץ־גראָבנס שייך מוכאַמעד, אַן ערך אָנדערהאַלבן קילאָמעטער דרומדיק פון כאַן־יוניס. אַהין ווערט געשיקט די פלוגה ג'. דער ווידערשטאַנד פון שונא איז א העפטיקער, די שלאַכט איז א פאַרביסענע און עס זענען פאַראַן פאַרווונדעטע. צוהילף ווערט געשיקט אַלחה מיט זיין אָפּטיילונג.

עס איז שוין צוגעפאַלן דער אָוונט, אָבער די שלאַכט דויערט ווייטער. די דריטע פלוגה האָט זעקס דערהרגעטע און פאַרווונדעטע. די פּאָזיציע שייך מוכאַמעד איז גוט באַפעסטיקט און דער שונא איז טיף איינגעגראָבן אין דער ערד. דער וועג, וואָס פירט צו דער

פֿאָזיציע איז מינירט. די מצרישע זעלנער שיסן פֿון באַזוקעס און שווערע אויטאָמאַטן, וואַרפֿן גראַנאַטן. איין טאַנק פֿון דער צה״ל־אָפּטיילונג איז געטראָפֿן געוואָרן. אינצווישן איז צוגעפֿאַלן די נאַכט און אַזוי פֿאַרענדיקט זיך דער ערשטער טאָג פֿון קאַמף פֿאַר אייננעמען כאַן־יוניס.

דינסטיק אינדערפֿרי, אין צווייטן טאָג פֿון קאַמף, ווערט די פּלוגה ג׳ אָרגאַניזירט אויפֿסניי און די חיילים וואַרפֿן זיך ווי לייבן אויף שייך מוכאַמעד. דער ווידערשטאַנד פֿון שונא ווערט איינגעבראָכן און די פּאָזיציע ווערט פֿאַרנומען. איצט האָבן די צווייטע און פֿערטע פּלוגות אָנגעהויבן דעם קאַמף פֿאַר דער שטאָט גופֿא.

דער שונא איבעראַשט מיט זיין ווידערשטאַנד און עס דערגייט צו קאַמפֿן פֿון הויז צו הויז. כדי צו העלפֿן די קעמפֿער, ווערט געשיקט אַהין אַלחה מיט פֿיר פּאַנצער־אויטאָס.

נעבן קוואַרטאַל פֿון גרויסן מעטשעט אין כאַן־יוניס קומט פֿאָר אן אכזריותדיקער קאַמף. די פּאַלעסטינעזער זעלנער האָבן זיך באַפֿעסטיקט אין יעדן הויז, אויפֿן פּלאַץ פֿון שטאָטראַט און ביי יעדן סטראַטעגישן פּונקט. זיי האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט מינעס און אַנטי־טאַנקען־געווער, ס׳איז אוממעגלעך אַריינצודרינגען אינעווייניק. א ישראלדיקער טאַנק, וואָס שטייט אן ערך 30 מעטער פֿון א באַפֿעסטיקטער פּאָזיציע, שיסט אויף א טאַנק פֿון שונא און טרעפֿט אים. אָבער ממש אין דער זעלבער רגע באַווייזט נאָך דער פֿיינטלעכער טאַנק צו טרעפֿן דעם ישראל־טאַנק. די פֿיינטלעכע פּאָזיציע איז פֿאַרניכטעט, אָבער אויך דער ישראל־טאַנק איז פֿאַרניכטעט. דער צווייטער ישראל־טאַנק, וואָס פֿאָרט הינטערן ערשטן, גייט אַרויף אויף א מינע און הויבט אָן ברענען. אונטער א שרעקלעכן האָגל פֿון קוילן לויפֿט דער סאַניטאַר פֿון פּלוגה ד׳ ראַטעווען דעם שאָפֿער פֿון טאַנק.

די חיילים לויפֿן דערווייל פֿון שטוב צו שטוב און יאָגן פֿון דאָרטן ארויס דעם שונא. אויפֿן פּלאַץ נעבן שטאָטראַט דויערט די שלאַכט, וואָס פֿאַרוואַנדלט זיך אין א קאַמף פּנים אל פּנים. עס איז שווער אונטערצושיידן ווער ס׳איז דער שונא און ווער עס איז א צה״ל־חייל.

אינצווישן קומט אַ באַפעל: צוריקטרעטן פון באַפעסטיקטן פּלאַץ — א שאָד יעדער קרבן. די אָפּטיילונגען ציען זיך צוריק. די חיילים זענען דערשעפּט פון דער שווערער שלאַכט. כמעט אלע זענען לייכט פאַרוואונדעט. אויך אַלחה איז לייכט פאַרוואונדעט פון שפּליטערס.

און דאַן קומט אַראָפּ צום אָרט א בריגאַדע פּאַראַשוטיסטן, אונטער דער אָנפירונג פון רפול. די פּאַראַשוטיסטן צעשפּרייטן זיך פון דער צפונדיקער ריכטונג, אָבער וואָס מער זיי דערנענטערן זיך צום פּלאַץ פון שטאָטראַט, אַלץ שטאַרקער ווערט דער ווידערשטאַנד פון שונא. דער ערשטער שטורעם גיט זיך נישט איין. די פּאַראַשוטיסטן האָבן זעקס דערהרגעטע און א סך פאַרוואונדעטע. אָבער רפול זאָגט צו, אז ער וועט „לערנען בלק" מיט די פּאַרעקשנטע פּאַלעסטינעזער.

מיטוואָך, דעם 7־טן יוני 1967. דער דריטער טאָג פון דער מלחמה. דער צענטער פון דער שטאָט כאַן־יוניס געפינט זיך נאָך אַלץ אין די הענט פון שונא, אָבער די פּאַראַשוטיסטן הויבן אָן זייער צווייטן שטורעם. זיי גייען נקמה נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון זייערע חברים. איצט איז שוין דער שונא אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. ער ראַנגלט זיך אין לעצטער פאַרצווייפלונג ווי א טויט־לעך־פאַרוואונדעטע חיה, וואָס ווייסט, אַז קיין שום צוריקטריט איז נישטאָ. זיין כוח ווערט איינגעבראָכן און ער ווערט פאַרניכטעט אין זיין אייגענער נאָרע.

אַזוי האָבן די פּאַראַשוטיסטן פון צפון־זייט און די בריגאַדע פון מזרח־זייט פאַרנומען אין בלוטיקע קאַמפן די פעסטונג כאַן־יוניס.

אַזעלכע זעלנער קען מען נישט באַזיגן

דער גורל פון דער מלחמה ווערט דעצידירט קודם־כל דורך די „גרויע זעלנער", וואָס פירן אויס פּראַקטיש, אויף זייער אייגענעם קערפּער, די באַפעלן. די קאָמאַנדירן קענען זיי די פּעאיקסטע און די פלענער קענען זיין די געניסטע, אָבער אויב דער פּשוטער קעמ־פער וועט נישט אויספירן די באַפעלן מוטיק און ווי עס געהער צו זיין — וועט גאָרנישט העלפן, און דער קאַמף איז א פאַרשפּילטער.

די דערציילונג פון אזא „פּשוטן" זעלנער באַווייזט, וואָס פאַר אן אַרמיי צה"ל איז, און פאַרוואָס מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אזא גלענ־צנדן נצחון אין אזא קורצער צייט.

— איך בין א פּשוטער חייל, א טוראי פון א רעזערוו־איינהייט, וואָס האָט נישט אזא רום, ווי די טאַנקיסטן, פליער אָדער פּאַראַ־שוטיסטן. מיין איינהייט איז א געוויינלעכע, גרויע פוסגייער־דיוויזיע, וואָס באַשטייט דאָס רוב פון עלטערע רעזערוויסטן. איין מעלה אָבער האָבן מיר יאָ: מיר זענען שוין דורכגעגאַנגען אייניקע מלחמות און מיר האָבן נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן די שפּאַנונג, וואָס האָט געהערשט פאַר די שלאַכטן.

מיר זענען מאָביליזירט געוואָרן צווישן די לעצטע און מען האָט אונדז תיכף אָפּגעפירט צו די פּרדסים פון שרון, קעגנאיבער קלקיליה. קודם האָט מען אונדז „באַרואיקט": „רבותי, נעמט זיך נישט איבער, די ירדנער וועלן נישט וואַגן אָנצוהויבן א מלחמה. זיי זענען נישט משוגע. איר געפינט זיך דאָ בלויז כדי צו פאַרזיכערן די ישובים פון דער סביבה, און כדי נישט איבעראַשט צו ווערן ווען כוסיין וועט זיך אַראָפּגיין פון זינען און אָנהויבן קעמפן קעגן אונדז".

מיר האָבן אויפגענומען די ווערטער אָן שום געריכטקייט. מיר, רעזערוויסטן, געדענקען נאָך די טעג פון דער סיני־אַקציע. מיר האָבן זיך געפונען דאַן אייניקע טעג אין פעלד, געהערט נייעס וועגן די

נצחונות פון אונדזערע כוחות אויף אַנדערע פראָנט־אָפּשניטן און נאָכדעם זיך צוריקגעקערט אַהיים ווי „העלדן", דערציילנדיק מעשׂיות וועגן קאַמפן, אין וועלכע מיר האָבן זיך בכלל נישט באַטייליקט.

מיר האָבן געמיינט, אַז אויך איצט וועט דער ענין זיך פאַרענדיקן אַזוי און ווען אונדזער קאָמאַנדיר איז געקומען און געזאָגט, אַז מען דאַרף מאַכן שוץ־גראָבנס, האָבן מיר אים אָנגעקוקט ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון די וואָלקנס. אָבער מיליטער איז מיליטער און מיר האָבן אָנגעהויבן גראָבן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן געאַרבעט אָן התלהבות און נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן זיך ווען עס איז נויטיקן אין די שוץ־גראָבנס. חוץ דעם זענען דאָס געווען „אָקאָפּעס" סימבאָלישע, און מען וואָלט זיך דאָרטן נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן אין פאַל פון אַן ערנסטער באָמבאַרדירונג.

אַזוי האָבן מיר אָנגענעם פאַרבראַכט דריי טעג. אַלע איינוווינער פון שיכון קפלן, נוה־ימין און ניר־אליהו, האָבן געזאָרגט פאַר אונדז, באַשאָטן מיט מתּנות און זיסוואַרג, ווי מיר וואָלטן געווען עפּעס א שטורעם־אָפּטיילונג און נישט קיין רעזערוו־איינהייט אין היינטערלאַנד.

זונטיק אינדערפרי איז געקומען דער קאָמאַנדיר פון פלוגה און געמאָלדן מיט פשטות: „רבותי, ביז מאָרגן אינדערפרי דאַרפן די גראָבנס זיין אויף א טיף פון א מעטער מיט זיבעציק סענטימעטער. מען דאַרף אויך צוגרייטן א צודעק פאַרן קאָפּ..."

מיר האָבן געצוקט מיט די אַקסלען. גיי הער וואָס עס זאָגט א יונגער בחור, וואָס האָט נאָך אין זיין לעבן נישט געזען קיין אמתע מלחמה ממש. אַלע מעשׂיות, וואָס דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר דערציילט אים, שלינגט ער אַראָפּ... אָנשטאָט צו גראָבן זענען מיר אַוועק שלאָפן מיט א רויִקן האַרץ.

מאָנטיק אינדערפרי האָבן מיר דערהערט די נייעס, אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן און ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי מיר האָבן דערהערט ווייטע אויפרייסן פון אַרטילעריע־קוילן. די ירדנער האָבן באָמבאַרדירט דעם ראַיאָן פון קיבוץ אייל, צוויי קילאָמעטער פון אונדז.

מיר האָבן באַקומען א פאַראָרדענונג אַראָפּצוגיין אין די גראָבנס. זייער שיין, אָבער וווּ זאָלן מיר אַראָפּגיין, אַז מיר האָבן נישט געגראָבן.

מיר שטייען אַזוי און טראַכטן, ווי פּלוצים האָבן אָנגעהויבן אויפרייסן קוילן נעבן אונדז. דאָס איז געווען דער בעסטער „אַרגומענט״. שנעלער אַרבעטן קען מען שוין נישט. מיר האָבן געגראָבן ווי משוגעים און באַגאָסענע מיט טייכן שווייס, האָבן מיר זיך שוין געפונען אין געהעריקע שוץ־גראָבנס.

ס׳איז געווען ביי אונדז א וויכוח וועגן די ירדנישע שיסערייען. די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז דאָס איז נישט ערנסט און די ירדנער ווילן בלויז ווייזן, אַז זיי פירן אויס זייער פליכט כלפּי דער אַראַבישער וועלט. אָבער די איבעראַשונג, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַר אונדז דעם זעלבן טאָג, האָט צונישט געמאַכט די דאָזיקע טעאָריע. אַזייגער פיר נאָכמיטאָג האָבן זיך באַוויזן צוויי פיינטלעכע עראָפּלאַנען איבערן שיכון קפלן. זיי האָבן באָמבאַרדירט מיט ראַקעטן די שיכונים. פינף אַזייגער איז די באָמבאַרדירונג באַנייט געוואָרן און זי האָט געדויערט ביז די שפּעטע אָוונט־שעהן.

די זעלבע נאַכט זענען מיר געווען עדות ווי אונדזערע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט קלקיליה. די אַרטילעריע פון שונא איז איינגעשטילט געוואָרן און מיר האָבן געהאַט א רואיקע נאַכט.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען געשלאָפן אין די שוץ־גראָבנס, צונויפגעקנוילט ווי זעק קאַרטאָפל. זיבן אַזייגער אינדערפרי האָבן די ירדנער באַנייט זייערע באָמבאַרדירונגען אויפן ראַיאָן. אין ראַדיאָ האָט מען מיטגעטיילט, אז כפר־סבא איז באַשאָסן געוואָרן און זעקס מענטשן זענען דערהרגעט געוואָרן.

בייטאָג האָט דער יונגער קאָמאַנדיר פון אונדזער פלוגה צונויפגערופן די מענטשן און פייערלעך דערקלערט: „מיר גייען אויף די האַרמאַטן פון קלקיליה. מיר וועלן באַקומען פאַנצער־אויטאָס, און מיט דער הילף פון טאַנקען און עראָפּלאַנען, וועלן מיר פאַרנעמען חירבת־צפין. דאָס איז א באַפעסטיקטע פּאָזיציע, וואָס געפינט זיך איבער קלקיליה און פאַרטיידיקט די באַטעריעס פון האַרמאַטן און מינען־וואַרפערס״.

ערשט איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אז דער „עסק״ איז א גאַנץ ערנסטער. מיר האָבן זיך באַוואָפנט מיט גראַנאַטן און אָנגעשטאָפּט אין די פאַטראָן־טאַשן צוגאָבלעך הונדערטער קוילן.

איך מוז מודה זיין, אַז די שטימונג איז געווען א געהויבענע. סוף כל סוף גייען מיר אויך אין מלחמה. אויך מיר, די „אַלטע בטלנים״, וועלן עפּעס טאָן אין דער דאָזיקער מלחמה. פֿאַרשטייט זיך, אַז ביי דעם אַלעמען האָט טיף אין אונדזערע הערצער געפּיקט די מורא. אַלע פֿון אונדז האָבן איבערגעלאָזט אין הינטערלאַנד פרויען און קינדער. אָבער אַלע מחשבות האָבן מיר פֿאַררוקט אין א זייט.

אַלץ האָט פּאַסירט ווי ס'איז געווען פּלאַנירט. דורך די פּרדסים זענען מיר אַוועק אַרום כפר־סבא, נאָענט צום קיבוץ אייל. אין א געוויסן מאָמענט האָבן אונדזערע עראָפּלאַנען און אַרטילעריע אָנגע־הויבן באַשיסן די פּאָזיציע חירבת־צפין. מיר זענען אָנגעקומען נאָענט צום ציל.

די טאַנקען האָבן זיך א לאָז געטאָן פֿאָרויס צום בערגל, אָבער צוויי זענען אַרויף אויף מינעס און זענען געבליבן שטעקן אויפֿן אָרט. א שטאַרק פייער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די ירדנישע פּאָזיצעס. די אַנדערע טאַנקען האָבן אָבער זיך נישט אָפּגעשטעלט און פֿאַר־שוועכט די פּאָזיציע מיט קוילן פֿון האַרמאַטן און אויטאָמאַטן. דאַן האָבן מיר באַקומען א באַפעל אַרויסצושפּרינגען פֿון די פּאַנצער־אויטאָס און שטורעמען פֿאָרויס. מיר האָבן זיך באַוועגט אויף די סטעזשקעס, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן דורך די קייטן־רעדער פֿון די טאַנקען אויפֿן פעלד. אַזוי זענען מיר געווען זיכערער פֿאַר מינעס.

די ירדנער האָבן פֿאַרשטאַרקט זייער פייער און נעבן מיר איז געפֿאַלן דער ערשטער חייל. א קויל האָט דורכגעלעכערט זיין ברוסט.

חיילים פֿאַלן ווייטער און דאָס געשריי פֿון די פֿאַרוווּנדעטע מישט זיך אויס מיט קאַמף־אויסרופֿן. אונדזערע טאַנקען רייסן זיך פֿאָרויס און פֿאַרניכטן די טאַנקען פֿון שונא, וועלכע הויבן אָן ברענען. אָבער דאָס ירדנישע פייער ווערט נישט אָפּגעשוואַכט.

מיר זענען אינצווישן דערגאַנגען צו די ערשטע שוץ־גראָבנס פֿון דער פּאָזיציע. מיר זענען נישט אַריין אינעווייניק, נאָר פֿאַר־שוועכט מיט פייער דעם גאַנצן שטח פֿון דער פּאָזיציע, וועלכע איז געווען אַרומגערינגלט מיט פֿאַרבינדונגס־קאַנאַלן, אונטערערדישע בונקערס און טיף־איינגעגראָבענע שטעלונגען.

ווען איך דערצייל דאָס, איז מיר שווער צו גלויבן, אַז דאָס אַלץ האָט באמת פּאַסירט. פּאַקטיש זענען מיר דאָך געווען עטלעכע רעזערוו־זעלנער, וואָס יעדע „נאָרמאַלע" אַרמיי אויף דער וועלט וואָלט געשיקט שפּאַצירן... און מיר דאָ, האָבן גאָר אָן בושה זיך געוואָרפן ממש ווי די לייבן, זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַרן מערדערישן פייער פון שונא, און זיך נישט איינגעבראָכן ווען פון אַלע זייטן האָבן נאָענטע און באַקאַנטע אָנגעהויבן פאַלן.

ווע מיר זענען אָנגעקומען צום שפּיץ פון דער פּאָזיציע, האָבן מיר אַנטדעקט, ווייט אונטן אין וואַדי, זעקס ריזיקע האַרמאַטן, וואָס זייער מאַנשאַפט איז אַנטלאָפן. פון אָט די האַרמאַטן איז משמעות געפאַלן די קויל אין תל־ברוך, נעבן תל־אביב.

די זעלנער פון לעגיאָן, וואָס זענען פאַרבליבן אין דער פּאָזיציע, האָבן זיך אָנגעהויבן איינברעכן. אייניקע האָבן מצליח געווען צו אַנטלויפן. א פערטל שעה שפּעטער איז די פּאָזיציע געווען אין אונדזערע הענט. מיר האָבן איבערגעציילט מער ווי פופציק הרוגים פון שונא און צוועלף פאַרוווּנדעטע.

צומאָרגנס פאַרטאָג זענען מיר אַריין אין קלקיליה. דאָס איז נישט נאָר א נאָמען פון א שטאָט, נאָר איז אויך א סימבאָל פון די אַראַבישע רציחות. פון דאַנען האָבן די ירדנער דורכגעפירט צאָלרייכע פּראָוואָקאַציעס קעגן ישראל. מער וועלן זיי שוין דאָס נישט טאָן, אויך אַדאַנק אונדז, די „בטלנים" פון רעזערוו.

די „פליענדיקע מלאכים"

גרויס איז געווען די גבורה פון די צה"ל־חיילים אין דער מלחמה, אָבער נישט קיין קלענערע העלדישקייט האָבן אַרויסגעוויזן די דאָקטוירים, סאַניטאַרן און מאַנשאַפטן פון די העליקאָפּטערס, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט ראַטעווען פאַרווונדעטע. אין דאָס רוֹב פאַלן — אונטערן פייער פון שונא.

צה"ל האָט א פאַרהייליקטע טראַדיציע: מען לאָזט נישט איבער קיין פאַרווונדעטע אָדער דערהרגעטע אויפן שלאַכט־פעלד. דערטיילן וואָס שנעלער הילף די פאַרווונדעטע איז א הייליק געבאָט. און הייליק איז אויך דאָס געבאָט, אז יעדער קרבן, וואָס איז געפאַלן אין קאַמף פאַרן היימלאַנד, דאַרף געבראַכט ווערן צו קבר ישראל.

— אין משך פון דער גאַנצער מלחמה האָב איך נישט געזען אפילו קיין איין פאַל, אז די מצרישע זעלנער זאָלן אַרויסנעמען זייערע פאַרווונדעטע חברים פון שטח. א פאַרווונדעטער מצרישער זעלנער פלעגט בלייבן הילפלאָז און די געזונטע פלעגן אַנטלויפן, איבערלאָזנדיק זייערע חברים אויף גאָטס באַראָט. אַלע מצרישע פאַרווונדעטע האָבן באַקומען הילף פון די דאָקטוירים און סאַניטאַרן פון צה"ל און אָפטמאָל האָט מען אפילו שווער־פאַרווונדעטע מצרישע זעלנער אַוועקגעלייגט אין שפּיטאָל אויפן אָפּעראַציע־טיש פריער ווי שווער־פאַרווונדעטע ישראל־חיילים, וואָס זייער אָפּעראַציע האָט מען געקאָנט אָפּלייגן אויף איניקע שעה.

דאָס דערציילט סמל־ראשון פון לופט־פלאָט, יוסי, וועלכער האָט אָנגעהויבן די מלחמה אין אַ... העליקאָפּטער.

מיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען אַרויסצונעמען פון שטח א פליער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אין מדבר סיני. דאָס איז געווען אין צווייטן טאָג פון דער מלחמה, ווען דער דאָזיקער שטח איז נאָך געווען אין די הענט פון מצרים. מיר האָבן באַקומען א ראַדיאָ־מעלדונג וועגן פונקט, וווּ דער פליער איז אַראָפּגעפאַלן. אין העלי־קאָפּטער האָבן זיך שוין געפונען איניקע פאַרווונדעטע, וואָס מען האָט זיי געדאַרפט אָפּפירן אין הינטערלאַנד, אָבער באַקומענדיק

דעם רוף צו ראַטעווען דעם פֿליער, זענען מיר גלייך אַרויסגעפֿלויגן צו אים, צוזאַמען מיט די פֿאַרוווּנדעטע. אינצווישן איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פֿליער איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון זיין עראָפּלאַן אויף אַן אָפֿענעם שטח און כדי זיך נישט אָנצוטרעפֿן אויף א כוח פֿון שונא, איז ער געגאַנגען א שטיק וועג א פֿאַרוווּנדעטער און זיך אויסבאַהאַלטן צווישן פֿעלדזן.

מיר זענען געפֿלויגן 700 פֿוס איבער דער ערד און מיר זענען משמעות אַריבער איבער א מצרישער ראקעטן־באַזע, ווייל א געוויסן מאָמענט האָבן ראַקעטן אָנגעהויבן אויפֿצורייסן נעבן אונדז. פֿון לופֿט־דרוק האָט דער העליקאָפּטער זיך געגעבן א שאַרפֿן דריי און זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען אויף אַלע זייטן. דאָס איז געווען א שרעקלעכער מאָמענט. דער העליקאָפּטער איז געווען פֿול מיט פֿאַרוווּנדעטע און איז געפֿלויגן זייער לאַנגזאַם. ער איז דעריבער געווען לייכט אויסגעשטעלט געטראָפֿן צו ווערן. א געוויסן מאָמענט האָט דער העליקאָפּטער פֿאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט, אָבער די פֿליער האָבן אים תיכף באַהערשט. שטעלט זיך פֿאָר וואָס די פֿאַרוווּנדעטע האָבן איבערגעלעבט, אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן ווי העלדן און זייער רואיקייט האָט באַדייטנד אויך משפּיע געווען אויפֿן מצב־רוח פֿון די פֿליער.

די גאַנצע צייט האָט דער שונא געשאָסן צו אונדז, אָבער מיר זענען געפֿלויגן ווייטער. דער פֿאַרוווּנדעטער פֿליער האָט געמוזט אַרויסגענומען ווערן פֿון פֿיינטלעכן שטח. ענדלעך האָבן מיר אים דערזען. ער האָט געפֿאָכעט צו אונדז מיט זיין נאָז־טיכל. שווער צו שילדערן זיין פֿריידיקן געפֿיל נאָך לאַנגע שעהן פֿון איינזאַמקייט, א פֿאַרוווּנדעטער, אויסגעשטעלט אויף דער סכנה אַנטדעקט צו ווערן דורך פֿיינטלעכע זעלנער.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו אים, אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אז דאָס אָרט איז צו ענג און דער העליקאָפּטער וועט נישט קאָנען לאַנדן, כדי אַרויפֿצונעמען דעם פֿאַרוווּנדעטן. מיר האָבן געוווּסט, אז דער פֿאַרוווּנדעטער איז ביים סוף פֿון זיינע כוחות און דעריבער האָט דער פֿליער פֿון העליקאָפּטער באַשלאָסן צו לאַנדן, הגם דאָס איז געווען פֿאַרבונדן ממש מיט לעבנס־געפֿאַר פֿאַר אונדז אַלעמען. איך קען זאָגן נאָר איינס: מיר האָבן איבערגעלעבט דאַן

מאַמענטן, וואָס נישט נאָר די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך געקענט אויפשטעלן, נאָר האָבן אויך אין איין רגע געקאָנט גרוי ווערן פאַר שרעק...

מיר האָבן געהערט ווי דער פּראָפּעלער פון העליקאָפּטער רייבט זיך ממש ביי די פעלדזן, צווישן וועלכע דער פאַרוואונדעטער פליער האָט זיך געפונען. אָבער דער פליער פון העליקאָפּטער האָט ריזי־קירט — אַרויסווייזנדיק אויסערגעוויינלעכן מוט, קאַלטבלוטיקייט און דער עיקר — גרויס וויסן ביים באַהערשן די קאָמפּליצירטע מאַשין, האָט ער זיך געגעבן אַ לאָז אראָפּ. מיר האָבן גלייך אַרויס־געשליידערט א לייטער און אַרויפגענומען דעם פארוואונדעטן צו זיך.

צוריקפליענדיק האָבן די מצרים אונדז ווידער באַשאָסן, אָבער בנס זענען מיר נישט געטראָפן געוואָרן. מיר האָבן גוט געוווסט וואָס אונדז דערוואַרט, ווען דער אכזריותדיקער שונא וואָלט אונדז אַראָפּ־געשאָסן...

דאָס זענען מיר, יידן, רחמנים בני רחמנים, אָבער די אַראַבער זענען באַוווסט ווי קאַלטבלוטיקע מערדער. געוועזן א פאַל, ווען א מצרישער זעלנער איז אַרייגעפאלן אין געפאנגענשאַפט און מען האָט אים געהאלטן אין לאַגער אל־עריש. דער דאָזיקער מצרי האָט אַרויסגעוויזן „מוט" אין געפאנגען־לאגער און ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער פון ערגעץ־ווו באַקומען געוועער, געעפנט א פייער אויף זיינע שומרים און פאַרוואונדעט צוויי חיילים. אַנדערע שומרים האָבן גלייך געשאָסן און אים פאַרוואונדעט. דעם דאָזיקן פאַרוואונדעטן שונא האָט מען צוזאַמען מיט די חיילים, וואָס ער האָט אויף זיי געשאָסן — דרינגענד אָפּגעפירט אין א שפּיטאָל נעבן תל־אביב, ווו ער האָט באַקומען די זעלבע באַהאַנדלונג, ווי די חיילים, וועלכע ער האָט געוואָלט ליקווידירן.

נאָך מער כאַראַקטעריסטיש איז דער פאקט, וואָס דער פאַרוואונ־דעטער מצרישער זעלנער איז אויפגעלאָדן געוואָרן אויפן עראָפּלאַן פריער, ווי די פאַרוואונדעטע חיילים. די סאניטארן אין עראָפּלאַן האָבן אים געגעבן פולע מעדיצינישע באַהאַנדלונג, איינשפּריצונגען און באַרואיקונגס־טאבלעטן. ווייל פאַר די „פליענדיקע מלאכים" איז נישט קיין אונטערשייד ווען זיי דארפן ראַטעווען. פאַר זיי איז טייער יעדער מענטשלעכער לעבן.

גבורה־טראַדיציע

פון די קאַמפּס־דאָקטוירים

חיים שטיין איז א דאָקטאָר אין „הדסה״־שפּיטאָל אין ירושלים. ער איז צוגעטיילט געוואָרן צו א גרעסערער מיליטערישער איינהייט, וועלכע האָט אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה, מאָנטיק דעם 5־טן יוני, דורכגעבראָכן די מצרישע פּאָזיציעס און געדאַרפט דערגיין ביז צו די טויערן פון דער שטאָט עזה.

דער דאָקטאָר האָט זיך געפונען אין א טענדער, וואָס איז געפאָרן גלייך נאָך דער שטורעם־אָפּטיילונג פון דער איינהייט. פון דעם ערשטן מאָמענט האָט ער שוין געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט, ווייל די מצרישע פּאָזיציעס זענען געווען גוט באַפעסטיקט און נאָך באַזעצט מיט א סך זעלנער. דאָס פייער, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטורעם־אָפּטיילונג, פון אויטאָמאַטן, האַרמאטן און מינען־ווארפערס, האָט גורם געווען נישט ווייניק קרבנות אין דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע.

אונטערן דונער פון מוראדיקע אויפרייסן און אונטערן האָגל פון קוילן, האָט דער דאָקטאָר געאַרבעט פּונקט אַזוי רואיק און צילבאַוווּסט, ווי ער וואָלט זיך באוועגט אין דער שטילקייט פון די שפּיטאָל־קאָרידאָרן. מיט אן אַבסאָלוטער קאַלטבלוטיקייט פלעגט ער אַרויסשפּרינגען פון טענדער, העלפן די סאַניטאַרן אויפלאָדן די פאַרוווּנדעטע, דערטיילן די נויטיקע הילף און פאָרן צום זאַמל־פּונקט, פון וואַנען די פאַרוווּנדעטע פלעגן אָפּגעפירט ווערן אין די שפּיטאָלן פון הינטערלאַנד.

דער שטח איז באָמבאַרדירט געוואָרן אָן אויפהער און דאָס פייער פון שונא האָט פאַראורזאַכט א בלוטיקן שניט. פאַרוווּנדעטע זענען געפאַלן איינער נאָכן אנדערן. און דאן, ווען ס'האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז די נסיעה אין טענדער שטעלט אין סכנה דאָס לעבן פון דאָקטאָר שטיין, האָט ער באקומען א פאַראָרדענונג אָפּצו־שטעלן דאָס עוואַקואירן די פאַרוווּנדעטע פון שטח מיט דער הילף

פון טעבדער, נאָר זאָל וואַרטן אויפן אָנקום פון א העליקאָפּטער.

די העליקאָפּטערס האָבן זיך אָבער פאַרשפּעטיקט און דאָקטאָר שטיין האָט מער נישט געוואָלט וואַרטן. אונטער א קוילן־האָגל פון שונא איז ער אוועק אויפן שלאַכט־פעלד, ווו ער האָט געגעבן די פאַרוווּנדעטע איינשפּריצונגען, דורכגעפירט לייכטע אָפּעראַציעס און געראַטעוועט דאָס לעבן פון צענדליקער חיילים. און דאָס אַלץ מיט אַזאַ רואיקייט, ווי ער וואָלט זיך געפונען אין זיין פּריוואַטער קליניק.

פּלוצים איז דער דאָקטאָר גופא פאַרוווּנדעט געוואָרן. א ביקסן־קויל איז אַריינגעדרונגען אין זיין אָרעם און צעשמעטערט דעם ביין. עמיצער אנדערש וואָלט אפשר פאַרלוירן די רואיקייט, וואָלט אפשר אַלאַרמירט די סאַניטאַרן, אָבער דאָקטאָר שטיין האָט נישט אַזוי געהאַנדלט. אין ערשטן מאָמענט האָט ער אפילו פאַר קיינעם נישט אויסגעזאָגט, אַז ער איז פאַרוווּנדעט. זיין מונדיר איז געווען דורכ־געווייקט פון בלוט פון די פאַרוווּנדעטע, מיט וועלכע ער האָט זיך מטפל געווען, און אַלע וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים, האָבן אפילו נישט באַמערקט, אַז אויך זיין אייגן בלוט ווייקט דורך דעם מונדיר.

ערשט דאַן, ווען ער האָט מיט דער געזונטער האַנט פאַרענדיקט דאָס מאַכן איינשפּריצונגען די פאַרוווּנדעטע, האָט ער אָפּגערופן אין א זייט דעם הויפּט־סאַניטאַר פון דער איינהייט און אים געזאָגט: „דאָ האָסטו א באַנדאַזש און א באַרואיקונגס־איינשפּריצונג”. ערשט דאַן האָט דער סאַניטאַר דערזען, אַז דער דאָקטאָר איז פאַרוווּנדעט. דאָקטאָר חיים שטיין האָט פאַראָרדנט דעם סאַניטאַר ער זאָל אים מאַכן אַן איינשפּריצונג, כדי איינצושטילן דעם ווייטיק און ער זאָל קענען ווייטער זיך פאַרנעמען מיט די פאַרוווּנדעטע.

די צאָל פאַרוווּנדעטע איז געווען א גרויסע און די אַרבעט האָט זיך געצויגן לאַנגע שעהן. די העליקאָפּטערס זענען דערווייל נישט אָנגעקומען. אָדער זיי זענען געווען פאַרנומען מיט אַרויסנעמען פאַרוווּנדעטע פון אנדערע שטחים, אָדער דאָס מצרישע פייער האָט נישט דערלאָזט זייער פלי. אינצווישן האָבן אַלע פאַרגעסן, אַז אויך דער דאָקטאָר איז פאַרוווּנדעט. נאָר פון צייט צו צייט, ווען די ווייטיקן אין האנט האָבן זיך פאַרשטאַרקט, האָט ער געבעטן דעם

סאַניטאַר א נייע בארואיקונגס־איינשפּריצונג און ער האָט ממשיך געווען זיין ארבעט.

ענדלעך זענען אָנגעקומען די העליקאָפּטערס. אַלע האָבן לייכ־טער אָפּגעאָטעמט. די פאַרוואונדעטע האָבן געוווּסט, אז מען וועט זיי תיכף אָפּפירן אין שפּיטאָל. די קאָמאַנדירן, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט פאַרבייגיין דעם שטח, ווו מען האָט קאָנצענטרירט די פאַרוואונדעטע און זענען געווען פאַרציטערט זעענדיק זייער גרויסע צאָל, האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס מען וועט זיי ענדלעך עוואַקואירן און וועלן נישט ווידער אַרונטערפאַלן אונטערן פייער פון שונא. און צום סוף — די סאַניטאַרן, וואָס זייער פאַרערונג פארן דאָקטאָר איז געשטיגן מיט יעדן מאָמענט, האָבן זיך געפרייט, וואָס ער וועט איצט האָבן די געלעגנהייט און קענען אָפּפליען אין א שפּיטאָל.

שנעל זענען די טראָג־בעטלעך אַרייַנגעטראָגן געוואָרן אין די העליקאָפּטערס, און דאַן איז דער קאָמאַנדיר פון דער איינהייט צוגעגאַנגען צום דאָקטאָר חיים שטיין און אים געזאָגט:

— דאָקטאָר, איך האָף, אז מיר וועלן זיך בקרוב זען.

— וואָס הייסט: מיר וועלן זיך זען? איך פאָר נישט! — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגערופן.

— דאָס איז א באַפעל, דאָקטאָר. איר זענט פאַרוואונדעט און איר מוזט באַקומען מעדיצינישע באַהאַנדלונג!

— אָבער איך טאָר איצט דאָס אָרט נישט פאַרלאָזן, קאָמאַנדיר! דאָ איז נישטאָ קיין איין דאָקטאָר. און, לײדער, עס וועלן נאָך זיין פאַרוואונדעטע. מען טאָר נישט איבערלאָזן א גאַנצע איינהייט אָן א דאָקטאָר.

דער קאָמאַנדיר האָט נאָך געפּרוּווט עפּעס זאָגן, אָבער די עקשנות פון דאָקטאָר האָט געזיגט. דאָקטאָר שטיין איז פאַרבליבן מיט זײַער איינהייט, טראָץ דער וווּנד און דעם ברוך אין אָרעם.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט ביז עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט ווי ווייט דער דאָקטאָר איז געווען גערעכט. דער ישראלדיקער כוח

האָט געשטורעמט די פּאָזיציעס ביי די טויערן פון עזה. איין שטורעם איז געקומען נאָכן צווייטן און אין משך פון א גאַנצער נאַכט איז דאָקטאָר שטיין געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן. ער האָט באַנדאַזשירט פאַרוואונדעטע, זיי באַרואיקט מיט א גוט וואָרט, און ווען די העליקאָפּטערס האָבן ארויסגענומען די פארוואונדעטע פון שטח, האָט ער מיט דער געזונטער האַנט געהאָלפן אַריינשלעפּן די טראָג־בעטלעך אינעווייניק.

אינדערפרי איז עזה געווען אין אונדזערע הענט און מיט דעם האָט זיך פאקטיש פארענדיקט די אויפגאבע פון דאָקטאָר, אָבער ער האָט ווייטער עקשנותדיק זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, כּל־זמן מען האָט נישט צוגעשיקט קיין צווייטן דאָקטאָר אויף זיין אָרט.

ער איז געווען בלייך ווי א טויט און זיך געפונען אויפן שוועל פון אָנמאַכט, אָבער קודם האָט ער געזאָרגט פאַרן געזונט פון די חיילים.

דער קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע, וועלכער האָט געהערט וועגן די מעשים פון דאָקטאָר שטיין, האָט געזאָגט: „ער האָט געגעבן א מוסטער סיי אַלס קעמפער און סיי אַלס דאָקטאָר. אונדזערע חיילים וועלן שטענדיק געדענקען די הערלעכע געשטאַלט פון דאָקטאָר שטיין, מיט זיין ביישפּיללאָזן פעסטן גייסט".

דאָקטאָר שטיין איז געווען איינער פון די פילצאָליקע קאַמפּס־דאָקטוירים, וועלכע האָבן מיט זייער מסירת־נפש באַרייכערט די הערלעכע גבורה־טראַדיציע פון צה"ל.

געפאַלן ביים אויספירן
זיין הייליקע שליחות

אין די לעצטע רגעס, פאַר דעם ענדגילטיקן שטורעם אויפן שער־האריות, פון וואַנען די פאַראַשוטיסטן זענען געלאָפן צום הר־הבית — איז פאָרגעקומען איינע פון די שווערסטע שלאַכטן נעבן דער מויער פון ירושלימער אַלטשטאָט.

קיין איין חייל האָט נישט געחלומט אַרויפצוקלעטערן אויף דער מעכטיקער מויער, אויף וועלכער עס זענען געשטאַנען די ירדנישע לעגיאָנערן אויף באַפעסטיקטע פּאָזיציעס, און געשאָסן אויף יעדן קאָפּ, וואָס האָט געוואַגט זיך אויפצוהויבן.

דאָרטן, אויבן, אויפן אָפענעם שטח, אויפן סקוועער און אויף די גאַסן, וואָס פירן צו דער מויער, האָבן די פּאַראַשוטיסטן געפירט א שווערן און בלוטיקן קאַמף. עס איז אָנגעקומען א ישראל־טאַנק, אָבער ער איז תיכף געטראָפן געוואָרן דורך א קויל פון א פיינטלעכן האַרמאַט, וואָס איז געשטאַנען אין א ווינקל, גוט אויסבאַהאַלטן. דער געטראָפענער טאַנק האָט געברענט ווי א פאַקעל און באַלויכטן דעם שלאַכט־פעלד. דאָס ליכט האָט אַ סך געהאָלפן די ירדנישע סנייפּערס, וועלכע זענען געזעסן הויך, און האָבן באַשאָסן אונדזערע כוחות, וואָס האָבן זיך געפונען אונטן.

צו דער מויער זענען צוגעקומען חיילים, אָבער זיי זענען גלייך געטראָפן געוואָרן, ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנענטערט, און זיי זענען געבליבן ליגן אויפן אָרט, וווּ זיי זענען געפאַלן.

א געוויסן מאָמענט איז צום אָרט אָנגעקומען א דזשיפּ פון דער פּאַטראָל־איינהייט. דער שאָפער פון דזשיפּ האָט צוויי מאָל נישט געטראַכט. איין סעקונדע — און דער קליינער דזשיפּ האָט זיך שוין געפונען אונטער דער פייער־שפּייענדיקער מויער. דער שאָפער איז אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ, צוגעלאָפן צו די פאַרוווּנדעטע, און איינעם נאָכן אַנדערן אַרויסגעטראָגן אויף די אייגענע פּלייצעס פון געפערלעכן אָרט. די בליץ־שנעלקייט, מיט וועלכער דער מוטיקער

שאָפֿער האָט דורכגעפֿירט די רעטונגס־אַקציע, האָט משמעות אַרויסגערופֿן א פֿאַרבליפֿונג אויך ביי די ירדנער. זיי האָבן, וואָס אַן אמת, די גאַנצע צייט נישט אויפֿגעהערט צו באַשיסן דעם שאָפֿער און די פֿאַרוווּנדעטע, אָבער זייער פֿייער איז שוין נישט געווען אַזוי גענוי און קיינער איז נישט געטראָפֿן געוואָרן.

* * *

נישט ווייט פֿון דעם זעלבן אָרט האָט א פֿאַראַשוטיסטן־כוח געשטורעמט איינע פֿון די באַפֿעסטיקטע פּאָזיציעס פֿון ירדנישן לעגיאָן. די חיילים האָבן געמאַכט אַלע באַמיאונגען זיך אַריינצובאַקומען אין די שוץ־גראָבנס, וואָס זענען געווען בעטאָנירט און אויסגעשטאַט מיט א סך געווער און אַמוניציע. אויפֿן דאַך פֿון דער פֿעסטונג גופֿא האָבן זיך געפֿונען הויכע פּאָזיציעס מיט שווערע אויטאָמאַטן, פֿון וועלכע עס האָט זיך אָן אויפֿהער געשאָטן פֿייער.

כדי איינצונעמען די פֿעסטונג איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה, ווי שטורעמען צוערשט די שוץ־גראָבנס, כדי איינצוברעכן די ערשטע ווידערשטאַנדס־ליניעס פֿון שונא.

אין יענע מינוטן האָט צוזאַמען מיט דער שטורעם־איינהייט געקעמפֿט דער סאַניטאַר גדעון. צוזאַמען מיט די חיילים איז ער אַריינגעשפּרונגען אין שוץ־גראָבן, וואָס האָט געהאַט א לענג פֿון הונדערטער מעטער, און איז געלאָפֿן מיט אַן „עוזי"־אויטאָמאַט אין האַנט, כדי צו ליקווידירן די ווידערשטאַנד־נעסטן פֿון לעגיאָן. פֿאַר אים איז געלאָפֿן דער פֿאַרטרעטער פֿון קאָמאַנדיר און צוזאַמען האָבן זיי אָפּגערייניקט דעם לאַנגן גראָבן, וואָס האָט געשיינט, אַז ער האָט נישט קיין סוף.

אינצווישן זענען געפֿאַלן פֿאַרוווּנדעטע, צווישן זיי אויך דער פֿאַרטרעטער פֿון קאָמאַנדיר, און דער סאַניטאַר האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. זייער צאָל איז געווען נישט קיין קליינע. ווי א מלאך פֿון הימל איז דער העלדישער סאַניטאַר געלאָפֿן פֿון איין פֿאַרוווּנדעטן צום צווייטן, באַנדאַזשירט זייערע ווונדן, אָפּגעשטעלט די בלוטונגען, באַנעצט די ברענענדיקע ליפּן מיט א ביסל לוילעך וואַסער, געגלעט די שטערנס און באַרויִקט: „אַלץ וועט זיין בסדר, דער שוץ־גראָבן איז שוין אין אונדזערע הענט, נאָך א ווײַלע און מיר וועלן פֿון דאַנען אַרויסגיין".

דאָס איז אים אָבער נישט געווען באַשערט.

דער סאַניטאַר האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט ביים דערטיילן די פאַרוואונדעטע ערשטע הילף און תיכף איז ער צוגעטראָטן אַרויסצונעמען זיי פון גראָבן. עס זענען נישט געווען אין יענעם מאָמענט קיין פרייע חיילים, וואָס זאָלן אים העלפן, און דעריבער האָט ער אויף די אייגענע פּלייצעס אַרויפגעלייגט פאַרוואונדעטע, און זיי געטראָגן, איינעם נאָכן אַנדערן, צום זאַמל־פּונקט. יעדן מאָל איז ער געלאָפן, כדי וואָס שנעלער אַרויסצוראַטעווען די פאַרוואונדעטע חיילים. כדי צו קירצן דעם וועג, פלעגט ער אפילו אַרויסשפּרינגען פון שוץ־גראָבן און לויפן אויפן בעטאָן־ברעג, אונטערן מערדערישן פייער פון שונא.

דאָס איז געווען א בילד, וואָס לאָזט זיך ממש נישט שילדערן מיט מענטשלעכע ווערטער. דער סאַניטאַר איז ווי אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון א הייליקן פייער, באַהערשט דורכן אומגעצוימטן דראַנג פון זיין שליחות: ראַטעווען, וואָס שנעלער און וואָס מער, פאַרוואונדעטע חברים.

— וווּ זענען די איבעריקע סאַניטאַרן? — האָט מען געפרעגט אויפן זאַמל־פּונקט פון די פאַרוואונדעטע. אָבער דער ענטפער איז געווען אַן אויפטרייסלענדיקער: „זיי זענען נישטאָ”.

און אַזוי, איינער אַליין, איז דער סאַניטאַר גדעון געלאָפן הין־און־צוריק מיט פאַרוואונדעטע אויף זיינע פּלייצעס. אָבער פּלוצים, ווי אַן אומזעבאַרער כוח וואָלט אים מיט געוואַלט פאַרהאַלטן, איז ער געבליבן שטיין אויפן אָרט. אַן ערך צוואַנציק מעטער פון דער זיכערער באַהעלטעניש, האָט אים דערגרייכט אַ פיינטלעכע קויל.

בלויז אייניקע רגעס איז ער געשטאַנען ווי א צוגעשמידטער צום אָרט. ער האָט נאָך באַוויזן אַראָפּצולאָזן פאָרזיכטיק דעם פאַרוואונדעטן פון זיינע פּלייצעס, און האָט זיך איינגעבראָכן ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים. ער איז געפאַלן א טויטער אויפן ברעג פון שוץ־גראָבן — די אַרענע פון זיינע העלדישע טאַטן.

די ירדנער האָבן נישט אויפגעהערט צו שיסן אין זיין ריכטונג. א חייל האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן און איז געלאָפן ראַטעווען דעם פאַרוואונדעטן, וואָס דער אומגעקומענער גדעון האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס. אָבער אויך דער דאָזיקער פאַרוואונדעטער האָט שוין נישט געלעבט.

מיט א העלדן־טויט זענען געפאַלן די חיילים, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון אונדזער הייליקער הויפּטשטאָט און זייער אָנדענק וועט אויף אייביק זיין איינגעקריצט אין האַרץ פון פאָלק.

נסים אויפֿן פֿראָנט

די קאַמפֿן אויף די סירישע הויכקייטן (רמת הגולן) זענען אָנגעגאַנגען אין זייער פֿולער קראַפֿט. אין משך פֿון גאַנצן פֿרייטיקדיקן טאָג האָבן די שטורעם־כוחות פֿון צה״ל אָנגעגריפֿן און אָנגעהויבן איינברעכן די באַפֿעסטיקטע פֿאַרטיידיקונגס־ליניעס פֿון די סיריער. איינהייטן פֿון טאַנקען און פֿאַנצער־אויטאָס, וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן אויפֿן צפֿונדיקן עק, זענען שוין אָנגעקומען צום שפּיץ פֿון די בערג. פֿוסגייער האָבן דערווייל אָפּגערייניקט די מעכטיקע סירישע פּאָזיציעס תל־עזיזיאת, דרדרה און תל־הילאַל.

נאָך האַלבער נאַכט האָט דער קאָמאַנדיר פֿון צפֿון־פֿראָנט באַשלאָסן צו שיקן א פּאַראַשוטיסטן־כוח אויסצופֿירן א שווערע אָבער וויכטיקע אויפֿגאַבע: פֿאַרנעמען די באַפֿעסטיקטע פּאָזיציע דזשעלאַבינאַ, פֿון וואַנען דער שונא האָט א גאַנצן טאָג באַשאָסן דעם ישראל־כוח, וועלכער האָט בייטאָג איינגענומען דרדרה.

נאָך האַלבער נאַכט איז די איינהייט פֿון איתמר אַרויס אין אַקציע. דער אויסגאַנגס־פּונקט האָט זיך געפֿונען אויף דער פּאָזיציע דרבשיה, וואָס ליגט צופֿוסנס פֿון באַרג. די פּאַראַשוטיסטן האָבן אָנגעהויבן גיין צופֿוס באַרג־אַרויף און שבת פֿאַרטאָג זענען זיי אָנגעקומען צום אָרט פֿון שטורעם.

דער הימל איז שוין געווען קלאָר און דער פֿרימאָרגן־שטערן האָט באַלויכטן דעם גאַנצן הויכלאַנד. די פּאַראַשוטיסטן האָבן דערזען פֿאַר זיך די ריזיקע און דראָענדיקע פּאָזיציע פֿון שונא, אָבער זיי האָבן זיך נישט דערשראָקן. לויט אַלע כללים פֿון דער מיליטערישער אויסשולונג, וואָס זיי האָבן באַקומען, האָבן זיי דורכגעפֿירט די אָפֿענסיווע און גאָר שנעל האָבן די פּאַראַשוטיסטן זיך געפֿונען אינעווייניק אין דער פּאָזיציע, וואָס איז געווען אויסגעשטאַט מיט צענדליקער בונקערס און שוץ־גראָבנס.

איתמר האָט זיך געפֿונען אין א קליינער גרופּע, וואָס האָט געציילט דריי חיילים. זיי זענען געגאַנגען פֿאָרזיכטיק פֿון בונקער צו בונקער, פֿון איין שוץ־גראָבן צום צווייטן, וואַרפֿנדיק גראַנאַטן און שיסנדיק קורצע סאַלוועס פֿון אויטאָמאַטן. יעדער סירישער ווידערשטאַנד איז איינגעבראָכן געוואָרן.

א געוויסן מאָמענט, ווען די דריי־פּערזאָניקע גרופּע האָט זיך געפֿונען איבער דער פּאָזיציע, האָט נעבן איתמר פּלוצים אויפֿגעריסן

אַ האַרמאַטן־קויל. הינטער אים האָט אויפגעריסן אַ צווייטע קויל. די חיילים האָבן זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז נישט ווייט פון זיי שטייען סירישע טאַנקען. גלייכצייטיק האָבן זיי באַמערקט ווי פון אַ בונקער זענען אַרויסגעלאָפן סירישע זעלנער און אָפיצירן, וועלכע האָבן געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן אונטער דער דעקונג פון פייער פון די סירישע טאַנקען.

די דריי פּאַראַשוטיסטן האָבן זיך נישט פאַרלוירן און אָנגעהויבן תיכף נאָכצויאָגן די סיריער. און דאַן האָט איתמר דערפילט אַ מעכטיקן קלאַפּ אין קאָפּ. ער איז געפאַלן און אויף אייניקע רגעס פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער דערפילט, אַז בלוט רינט אים פון קאַרק. דער שטאָלענער העלם אויפן קאָפּ איז געווען דורכגעלעכערט און אַ שפּליטער פון אַ קויל האָט אים פאַרוווּנדעט אין דער באַזע פון שיידל. ווען נישט דער שטאָלענער העלם, וואָלט דער שפּליטער זיכער אַריינגעדרונגען אין קאָפּ. באמת, ממש אַ נס.

אויך איתמרס חבר איז פאַרוווּנדעט געוואָרן פון דער זעלבער קויל אין האַנט. ער איז אַוועקגעלאָפן צום סאַניטאַר־פּונקט און איתמר איז פאַרבליבן אַליין צווישן די פעלדזן, ווייל דער דריטער פּאַראַשוטיסט, וועלכער איז נישט פאַרוווּנדעט געוואָרן, האָט ממשיך געווען דאָס געיעג נאָך די סיריער און גלייכצייטיק האָט ער צוגעזאָגט, אַז „ביי דער ערשטער געלעגנהייט" וועט ער שיקן אַהער אַ סאַניטאַר.

איתמר האָט געליטן שרעקלעכן קאָפּ־ווייטיק. שפּעטער האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דער קלאַפּ האָט גורם געווען אַ מוח־דערשיטערונג. איצט אָבער האָט ער געמוזט ליגן אַליין און וואַרטן אויף הילף. דאָס בלוט האָט גערונען פון דער אָפענער ווונד.

אינצווישן איז אַ גרופּע חיילים אַרויס זוכן דעם פאַרוווּנדעטן. דער סאַניטאַר און זיינע געהילפן האָבן דורכגענישטערט דעם גאַנצן שטח, געגאַנגען פון בונקער צו בונקער און נישט באַמערקט דעם פאַרוווּנדעטן, וואָס איז געלעגן צווישן די פעלדזן. די אַנטוישונג איז געווען זייער אַ גרויסע. אַלע צה"ל־מענטשן זענען דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון דערטיילן הילף די חברים, דער עיקר פאַרוווּנדעטע, וועלכע מען טאָר בשום אופן נישט מפקיר זיין און טאָן אַלץ, כדי זיי אַרויסצונעמען פון שטח און ברענגען צום סאַניטאַר־פּונקט. און דאָ גאָר האָבן די חיילים זיך צוריקגעקערט צום פּונקט מיט דער

ביטערער בשורה, אַז „דער פֿאַרוווּנדעטער איז נעלם געוואָרן״.

דער קאָמאַנדיר פֿון גדוד האָט זיך אָבער נישט אַנטוישט. טראָץ דעם, וואָס די שלאַכט איז אָנגעגאַנגען מיט דער גאַנצער קראַפֿט, און ער איז געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט דער אַרטילעריע און אַוויאַ־ציע, בעטנדיק פֿון זיי הילף ביים ליקווידירן די סירישע טאַנקען אויפֿן באַרג, — האָט ער אָבער גלייכצייטיק אויך געזאָרגט פֿאַרן פֿאַרוווּנדעטן חייל. דער קאָמאַנדיר האָט געבעטן די אַרטילעריסטן און פֿליער זיי זאָלן טאָן אַלץ, כּדי צו טרעפֿן די סירישע טאַנקען דירעקט און נישט אויסשפּרייטן זייערע באָמבעס איבערן שטח, ווייל זיי קאָנען נאָך, חס וחלילה, אומברענגען דעם פֿאַרוווּנדעטן.

איתמר דערציילט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין משך פֿון דער דאָזיקער האַלבער שעה:

„איך האָב פּלוצים דערהערט דאָס געהויל און פּייפעריי פֿון קוילן, וואָס זענען געפֿלויגן איבער מיר. צוערשט האָב איך נישט געוווּסט ווער עס זענען די שיסער — זיי אָדער מיר. שפּעטער האָב איך באַמערקט אויפֿרייסן און פֿאַר מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס שיסן אונדזערע. און דאַן האָב איך אויך דערזען ווי עראָפּלאַנען לאָזן זיך אַראָפּ, ממש איבער מיר, אָבער פּאַקטיש זענען זיי געפֿלויגן צו די סירישע טאַנקען און זיי פֿאַרניכטעט.

„איך בין געווען זיכער, אַז סוף כּל סוף וועט מען מיך געפֿינען און אַרויספֿירן פֿון שטח, אָבער גלייכצייטיק האָב איך געוווּסט, אַז איצט, אין גאַנג פֿון דער שלאַכט, וועט דאָס זיין זייער שווער. און דאַן האָב איך זיך געטראַכט: ,אם אין אני לי, מי לי?׳ — און מיט די לעצטע כּוחות האָב איך אָנגעהויבן פּויזשען אויפֿן בויך אין דער ריכטונג צו אונדזערע ליניעס. אין דעם מאָמענט האָט מיר דאָס בלוט געגאָסן שטראָמען פֿון קאָפּ און אַן אומדערטרעגלעכער ווייטיק האָט דורכגעשניטן מיין גאַנצן קערפּער.

איך ווייס נישט ווי אַזוי איך בין דערגאַנגען צום שטעגל, ווו פֿונדערווייטנס זענען געשטאַנען אונדזערע מענטשן. איצט האָב איך נישט קיין ספֿק. היות איך בין א ייד א מאמין, גלויב איך, אַז מיט מיר האָט פּשוט פּאַסירט א נס. א נס ממש״.

צוויי קעגן אַ סך

דער 22־יאָריקער סרן יוסי האָט אין אַ פיר־טאָגיקער אַקציע געזען מער הרוגים, מער בלוט, מער פּחד און מער גבורה, ווי א געווײנלעכער מענטש אין זײַן גאַנצן לעבן.

— אַ טאָג פֿאַר דער מלחמה האָב איך געגעבן אינסטרוקציעס מײַן שאָפֿער, יהושוע, אַן 18־יאָריקער בחור — דערציילט סרן יוסי. — ער האָט מיך געפֿרעגט: וואָס וועט זײַן? און איך האָב נישט געוווּסט וואָס אים צו ענטפֿערן.

צומאָרגנס אינדערפֿרי, ווען זיי זענען אַריבער די גרענעץ, האָט סרן יוסי געהאַט א שוידערלעכע פּערזענלעכע איבערלעבונג. ער האָט זיך צום ערשטן מאָל געטראָפֿן מיט דער מלחמה. זײַן פּערזענלעכער דזשיפּ, אין וועלכן ס'איז געזעסן יהושוע, איז דירעקט געטראָפֿן געוואָרן פֿון א פֿײַנטלעכער קויל און ער האָט דערזען דעם ערשטן דערהרגעטן. אַן אייגענעם חבר. דער 18־יאָריקער בחור איז אומגעקומען און זײַן 22־יאָריקער קאָמאַנדיר האָט פֿאָרגעזעצט דעם קאַמף ביים דורכברעכן מצרישע באַפֿעסטיקטע פּאָזיציעס, אין וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען הונדערטער טאַנקען, האַרמאַטן און טויזנטער מצרישע זעלנער. אין דער דערציילונג פֿון סרן יוסי איז שווער איינצושטעלן א סדר. דאָס איז א רעלאַציע פֿון זײַן „פּערזענלעכער" מלחמה, איינגעגלידערט אין קאַמף, וואָס עס האָט געפֿירט די גאַנצע בריגאַדע, אין וועלכער ער האָט זיך געפֿונען און וועלכע האָט אין משך פֿון 4 טעג געטאָן ממש אומגלויבלעכע מעשים. יוסי דערציילט:

„דער דזשיפּ איז געטראָפֿן געוואָרן נעבן דעם באַראַק פֿון די אונאָ־אָבסערוואַטאָרן, ביים גרענעץ־דורכגאַנג, אָבער דער טאַנק פֿון בריגאַדע־קאָמאַנדיר, וואָס איז געפֿאָרן הינטער אים, האָט זיך נישט פֿאַרהאַלטן אפֿילו אויף קיין איין סעקונדע, און דאָס האָט געשטאַרקט מײַן גייסט. שפּעטער זענען מיר געפֿאָרן דורך כאַן־יוניס און רפיח. דאָ האָט זיך געפֿירט אַ שלאַכט, וואָס איז געווען איינע פֿון די צענטראַלסטע אין דער מלחמה.

די שלאַכט פֿאַרן וועג־קנופּ איז דעצידירט געוואָרן דורך די „צענטוריאָנען". דער שונא האָט דאָרטן געהאַט 60 טאַנקען און אַנטי־טאַנקען־אַרטילעריע. ער האָט זיך אָבער גענומען איינברעכן אונטער די קלעפּ פֿון צה"ל.

די חיילים פֿון איין טאַנק האָבן פֿאָרגעזעצט דאָס פֿייער. זיי

האָבן דערזען דעם פּיינטלעכן „ט־34”, וואָס האָט געשאָסן צו זיי און דער מצרישער טאַנק איז פֿאַרניכטעט געוואָרן. דאַן זענען די חיילים אַריינגעשפּרונגען אין שוץ־גראָבן, אים אָפּגערייניקט, דערהרגענעדיק דאָרטן 15 מצרים, און זענען שוין דאָרטן פֿאַרבליבן ביז נאָכמיטאָג. מיר האָבן ממשיך געווען אונדזער וועג ביזן וועג־קנופּ און די פֿאָדערשטע כוחות זענען אינצווישן אָנגעקומען קיין שייך זווייד.

אויף דער פּאָזיציע האָבן אָנגעהויבן זיך באַווייזן די מצרישע זעלנער און דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר האָט מיר געזאָגט: „גיי רייניק אָפּ די שטעלונגען”. איך האָב גענומען עטלעכע גראַנאַטן און מיט נאָך אַן אָפֿיציר בין איך אַריינגעלאָפֿן אין א בנין, וווּ עס האָט זיך געפֿונען די פֿאַרבינדונגס־סטאַציע צווישן „פּאַלעסטינעזער מיליטער” און די מצרישע כוחות.

ווען מיר זענען אַריין אין צימער, האָבן מיר דאָרטן געפֿונען איין פּיינטלעכן זעלנער. מיר האָבן אים ליקווידירט און זיך אָנגעהויבן אַרויסציִען פֿון בנין דורך א הינטערשטן הויף. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָ האָט זיך געפֿונען די קאָמאַנדשאַפֿט פֿון א דיוויזיע און צענדליקער פּיינטלעכע זעלנער האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט.

מיר זענען געווען בלויז צוויי און זיי — א סך. אַן ערך 30 מצרים זענען געלעגן אונטער א פּאַנצער־אויטאָ. פֿון אַלע זייטן האָט זיך פּלוצים א שאָט געגעבן אויף אונדז א האָגל פֿון קוילן. מיר האָבן זיך אָבער נישט פֿאַרלאָרן און צוריקגעענטפֿערט.

אין „נאָרמאַלע” באַדינגונגען וואָלט דער דאָזיקער קאַמף זיך זיכער פֿאַרענדיקט פֿאַר אונדז זייער טראַגיש, אָבער מיר האָבן געקעמפֿט „פּסיכאָלאָגיש”. מיר זענען געלאָפֿן פֿון איין באַהעלטעניש צו דער צווייטער און די מצרים האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיר זענען גאָר א סך. א געוויסן מאָמענט האָט יונתן, דער אָפֿיציר, וואָס איז געווען מיט מיר, אַרויסגעשיקט אַ לאַנגע סעריע פֿון זיין אויטאָמאַט — און די 30 פּיינטלעכע זעלנער זענען אַרויס פֿון הינטערן פּאַנצער־אויטאָ מיט אויפֿגעהויבענע הענט.

אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט איינער פֿון די „עפּיזאָדן”, וואָס אַזעלכע זענען געווען א סך אין דער 6־טאָגיקער מלחמה, און וועלכע זענען נישט געווען קיין צופֿאַל, נאָר א רעזולטאַט פֿון אומבאַשרייבלעכער גבורה פֿון די צה״ל־חיילים — א גבורה, וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן טויט־שרעק אויפֿן שונא.

די קאַמאַנדירן און חיילים האָבן זיך געוואָרפן כּאַרוים
און מיט זייערע קערפּערס פאַרזיכערט דעם נצחון ●
וואונדערבאַרע אויסדרוקן פון גבורה אין היסטאָרישן
בליץ־קריג.

**וועגן די העלדישע טאַטן פון די צה״ל־חיילים,
וועלכע האָבן נישט געשוינט זייער אייגענעם
לעבן פאַרן קיום פון מדינת ישראל — לייענט
אין קומענדיקן ביכל, וואָס דערשיינט בקרוב.**

ארויסגעבער: ק. דוד — א. מאיר

דפוס „החברה המאוחדת להדפסה בע״מ״
רח׳ הרכבת 52, ת״א

מופץ ע״י חברת „גד״ בע״מ
רח׳ צ׳לנוב 13, ת״א

פּרייז: 1 ל״י